STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04187

# DI INTRIGE

F. Bimko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בימקאָ.

# די אינטריגע

טראַגי - קאָמעדיע אין 3 אַקטען.

פערלאַג
א. גיטלין.
װאַרשע

תר״פ
1920.

װאַרשא תר״פ דרוקעריי ש. סיקאָרא י. מילנער נאַװאָליפּקי 6

# פּערזאָנען:

דאָקטאָר.
פריל. פריעד.
פֿריל. שטייער.
דינסטמיידעל.

וועגען איבערזעצען און אויפֿ
פֿיהרען אויף וועלכערס'איז
ביהנע,—מוז מען זיך פריהער
פערשטענדיגען מיט'ן מחבר.

Drukarnia SZ. SIKORA i I. MYLNER Nowolipki 6.

### די סצענע:

דער קאַבינעט ביים דאָקטאָר. רייניחיים הילצערן מעבעל. אַ קריזעטקע, טישעל מיט שטוהלען, לונאַלעאום אויף דער ערד. אַ בעזונדער ווינקעלע פאַר די כירורגישע אינסטרומענטען, וועלכע פערשאפען אַנ׳אונהיימליך געפיהל מיט זייער מע־טאַל־ריינעם גלאַנץ.

אין הינטערגרונד: אַ סקעלעט פון אַ מענש.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זעהט מען דעם דאָקטאָר: אַ יונגען שלאַנקען ברונעט, — ווי ער זיצט אויף דער קריזעטקע מיט דער פרייל. פריעד אין אַ זעהר אינטימער פאָזע.

**פ ר יי ל. פ ר י ע ד** (וויל זיך בעפרייען פון איהם): **אַ... לאָזט... לאָזט ה׳ דאָקטאָר, ס׳איז אַנ׳עולה פון אייך...**

**ד אָ ק ט אָ ר** (בערוישט): **ס׳איז אַנ׳עולה זיך צו קושען?...**

**פ ר יי ל. פ ר י ע ד** (ווי פריהער): **ס׳איז ניט שען!... געהט... נעהט... איהר האָט שוין גענוג!...**

**ד אָ ק ט אָ ר** (קושט הייסער): **אָ... איהר האָט זיסע ליפען... (אין איין אָטעם) כ׳וועל זיי אייך אָנבייסען!... כ׳וועל אייך אויסקנע־טען!... כ׳וועל אייך...**

**פ ר יי ל. פ ר י ע ד: צו — קוועַ־טשען!...**

**ד אָ ק ט אָ ר** (חיידל): **כאַ־כאַ־כאַ!... ניין!... אויסקוועטשען פון אייך אַ קליין ביסעלע זאַפט!... אַ טראָפעלע זאַפט!... איהר האָט אַזוי פילו... אַזוי פיל!...**

**פ ר יי ל. פ ר י ע ד** (ברוגז׳לעך): **וואָס בין איך אַנ׳עפעל מ׳זאָל פון מיר קוועטשען?...**

דאָקטאָר: איהר שפּאַסט, פרייל. פריעד...

פרייל. פריעד: ניין, איהר שפּאַסט!... לאָזט!... (וועהרט זיך) בנאמנות, כ'וועל נישט מעהר קומען צו אייך...

דאָקטאָר (פלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער): איהר וועט עס נישט טהון!... אַז כ'וועל אייך בעטען, וועט איהר קומען!... ס'איז נישט אַזוי געפעהרליך... (שטיקט איהר קושענדיג. ס'קלינגט).

ס'דינסטמיידעל (ווייזט זיך): ער רופט צום טעלעפאָן!

דאָקטאָר (וואָס איז אָבגעטרעטען, מאַכט אויף זיך גלייך דעם קראַוואַט, אונצופרידען): גוט... גוט... כ'געה גלייך...

דינסטמיידעל (אָב)

דאָקטאָר (גיט אַ ברום): הו־ם... ס'זאָל זיין פון קליניק?... ענטשולדיגט! (אָב)

פרייל. פריעד (מאַכט זיך צורעכט די פריזורע פאַר'ן טואַלעטען־שפּיגעל; איהר געזיכט דריקט אויס צופרידענהייט)

דאָקטאָר (קומט־צוריק): אַ!... ער רופט מיך צו אַ קראַנקען!... געמיינט: ס'איז פון שפּיטאָל, כ'וועל ברויכען אַוועקגעהן.

פרייל. פריעד (פערוואונדערט): ס'טרעפט: איהר זאָלט ברויכען אומגעריכט אַוועקגעהן?

דאָקטאָר: כ'ווייס, מ'ברענגט אַ קראַנקען...

פרייל. פריעד: איז נישטא קיין דאָקטאָר אויף דיזשור?...

דאָקטאָר: יאָ... אָבער... ס'איז פערשיעדען... ס'האָט שוין געטראָפען, אַז כ'האָב געמוזט אַוועקגעהן אין די אויפנאַהם־שעה'ן ווען ס'האָבען געוואַרט געסט אין וואַרט־צימער...

פרייל. פריעד: דאָס איז אינטערעסאַנט...

דאָקטאָר (פעררויכערט): און זאָגאַר אין מיטאָג־שעה; מ'האָט געמוזט צוריק אַראָבנעמען ס'עסען פון טיש... (זעצען זיך צוזאַמען אויף דער קריזעטקע — ס'קלינגט).

דינסטמיידעל (אין טיר): מ'רופט...

דאָקטאָר: ווידער?... דער טעלעפאָן רוהט נישט...

פרייל. פריעד: מ'ברויך אָפּדרעהען די דראָהט...

דאָקטאָר (שמייכעלדיג): דאָס קאָן מען נישט... ענטשולדיגט, כ'מוז אַ בליק טהון... (אָב).

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (מישט דעם אַלבאָם אויפ'ן טישעל, האַלב אײנגעבויגען, אײַקוקענדיג זיך אין די בילדער. פויזע).

ד אָ ק ט אָ ר (קומט צוריק): ס'איז שוין נישט אויסצוהאַלטען!.

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: וואָס איז?

ד אָ ק ט אָ ר: אויב ס'איז נישט מעגליך, כ'זאָל אַצינד אַרײַבערקומען, — וועלען זײ בעשטעלען אַנ'אַנדער דאָקטאָר!...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: און אפשר ווילט איהר אַריבערגעהן, שטערט אײַך נישט!...

ד אָ ק ט אָ ר (נערוועז): וואָס אײַך פֿעלט אײַן?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: איך קען אַצינד אַוועקגעהן; און אויב איך בין אײַך געוען — וועל איך קומען אַנ'אַנדערשמאָל!...

ד אָ ק ט אָ ר: איהר בעלײדיגט מיך!...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: ס'אַ שאָד: איהר קענט פערלירען געלד, צײַט... און...

ד אָ ק ט אָ ר (ווי פריהער): איהר בעלײדיגט מיך!...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: איך מײן עס גאַנץ ערנסט!

ד אָ ק ט אָ ר (געקרענקט): איך וועל דאָך אײַך נישט לאָזען זיצען, צו הייסען קומען שפעטער, צוליעב עפּיס אַ וויזיט בײַ אַ קראַנקען, וואו ס'קען מיר אַרײַנפֿאַלען אַ קלײנע סומע האָנאָראַר...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: און דער נאָמען?...

ד אָ ק ט אָ ר: אַך!

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (צופרידען): נו, אויב איהר מײנט עס ערנסט, בין איך צופרידען!...

ד אָ ק ט אָ ר: נאַטירליך! ווען, זאָגאַר, איהר זאָלט נישט זײַן בײַ מיר, פֿאָהר איך אין דער צײַט נישט אַרויס. נאָר פֿאַרברענג אין קאַבינעט, איבער מײן לעהר-בוך...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (לאַכט זיס): בין איך אײַער לעהר-בוך אין דער פרײַער צײַט?...

ד אָ ק ט אָ ר (דערנענטערט זיך צו איהר, וויל איהר אַרומנעמען): אָ, אויב איהר פערשטעהט אַזוי, איז גוט... זעהר גוט...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (מאַכט זיך בליץ-שנעל אַרויס): דאָס טהו איך נישט!...

דאָקטאָר (ערשטוינט): וואָס איז?...

פרייל. פריעד: ס'אַזוי...

דאָקטאָר: איהר זייט קאַפּריזנע!...

פרייל. פריעד: כ'בין עס גאָרנישט!...

דאָקטאָר: איבער איין רגע האָט איהר געביטען אייער נאַטור!...

פרייל. פריעד: כ'בין פריהער אויך די אייגענע געווען...

דאָקטאָר: ניין! איהר האָט יאָ צוגעלאָזען צו זיך!...

פרייל. פריעד: און אַצינד וויל איך נישט מעהר...

דאָקטאָר (ברוגז'לעך): אָ... ס'איז ריכטיג... ריכטיג...

פרייל. פריעד: וואָס מיינט איהר?...

דאָקטאָר (ווי פריהער): כ'ווייס שוין...

פרייל. פריעד: וואָס ווייסט איהר?..

דאָקטאָר: פריהער האָט איהר מיך בעדאַרפט... און אַצינד?...

פרייל. פריעד (פערפלאַמט): איהר בעליידיגט מיך!...

דאָקטאָר: כ'קען נישט אַנדערש קלערען... (נעמט איהר האַנד ביים פולס, דעליקאַט).

פרייל. פריעד: וואָסווילט איהר טהון?...

דאָקטאָר: זעהן ביי אייך די היץ?... (קוקט אויפ'ן גאָלדענעם זייגער וואָס ר'האַלט אין דער אַנדערער האַנד).

פרייל. פריעד (נאָך אַ ווילע): נו?...

דאָקטאָר: אונגאָרמאַל!

פרייל. פריעד: ווי?

דאָקטאָר: זעקס-אונדרייסיג וועניגער—צוויי...

פרייל. פריעד: ס'הייסט: נאָך וועניגער וויפיל מ'ברויך האָבען!...

דאָקטאָר: או-הום... (לאָזט אָב די האַנד) ס'איז נישט קיין וואונדער, איך האָב פריהער געוואוסט: אַז די טעמפעראַטור איז ביי אייך געפאַלען?...

פרייל. פריעד (פערשעמט): איהר האָט דען פריהער ביי מיר געזעהן נ'פולס?...

ד אָ ק ט אָ ר (געמיטליך): פריהער האָב איך איהם געשפירט אין איטליכען גליעד ביי איך, און אצינד ברויך איך איהם זוכען!...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (קוקט איהם אַ ווײלע אין די אויגען, און כאַפּט אַרום זײַן קאָפּ מיט בײדע הענד און קושט): כ׳האָב איך אויס־מישנע דאָס געטהון!... כ׳האָב איך געוואָלט אויספּרובען, ווײל כ׳האָב אײך ליעב!..

ד אָ ק ט אָ ר (קושט איהר לײדענשאַפטליך): און איך האָב גע־וואוסט, אַז איהר טהוט עס, ווײל איך האָב אײך ליעב!...

(ס׳קלינגט).

ד אָ ק ט אָ ר (נערוועז): דאָס קלינגען רעגט מיך כסדר אויף!...

ס׳ ד י נ ס ט מ ײ ד ע ל (קומט אַרײן): ס׳פרײל. שטײער.. (בײדע בלײבען צוטומעלט).

ד אָ ק ט אָ ר: נישט געקענט זיך אויסקלײבען קײן בעסע־רע צײט?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (וויל איהם בערוהיגען): בערוהיגט אײך, לואיס!... וואַהרשײנליך ווײסט זי דאָך, דאָס איהר זײט פרײ צו דער צײט?...

ד אָ ק ט אָ ר: נו יאָ, וואָס מאַכט מען מיט איהר?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (קרײנקליך): איך בין גאַנץ זיכער אין אײך, לואיס, כ׳וועל נישט זײַן אײפערזיכטיג!...

ד אָ ק ט אָ ר (עמפּערט): נײן!... כ׳וועל איהר הײסען זאָגען: איך בין אַרויסגעפאָהרען צו אַ קראַנקען...

ד י נ ס ט מ ײ ד ע ל: איך האָב שוין אָבער געזאָגט איהר זײט בײ זיך אין קאַבינעט!...

ד אָ ק ט אָ ר (אויפגערעגט): ווער האָט אײך געבעטען זאָגען?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (קרײנקליך): ס׳מאַכט נישט... זי קען אַרײנקומען!...

ד אָ ק ט אָ ר (קען זיך נישט שטילען): וואַרט, איך וועל שווע־רען: זי האָט געזאָגט, דאָס איהר זײט בײ מיר אין צימער?...

ד י נ ס ט מ ײ ד ע ל (גפּאַלען בײ זיך): יאָ.

ד אָ ק ט אָ ר: נו?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: איז דאָך פערפאַלען!... וואָס האָט איהר

זיך אוועקצוגרענגען?... בחנם אָבּגעסען ס'האַרץ?...

ד אָ ק ט אָ ר: ס'ערשטע מאָל אין לעבען!...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד (פאַר זיך): זעלבסטפערשט נדל ך, אַז איך וואָלט מעהר גערן געזעהן, איהר זאָלט זי אויסמיידען!... זי האָט זעהר אַ שלעכטע צונג!... קיין שטיק געזונד וועט איהר שוין נישט צוגעמען!... אָבער — קיין שונא וויל איך מיר אויך נישט איינקויפען!... (צום דינסטמיידעל) געהט, הייסט איהר אַריינגעהן!..

ס'ד י נ ס ט מ יי ד ע ל (שטעהט).

ד אָ ק ט אָ ר (נאָך אַ ווײלע): איהר האָט נישט פערשטאַנען, וואָס מ'האָט גערעדט צו אייך?...

ס'ד י נ ס ט מ יי ד ע ל (רוקט זיך אַרויס).

ד אָ ק ט אָ ר (נערוועז): כ'וועל מיט איהר עפּיס ריידען, און פאָהר גלייך אַרויס...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (קומט אַריין, בעמערקט די סיטואַציע, בלייבט שטעהן ביים טהיר): גוט מאָרגען!...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד (אַראָבגעלאָזט נ'קאָפּ): גוט מאָרגען!

ד אָ ק ט אָ ר: אַ... (גיט איהר די האַנד) כ'האָב גאָר פערזעהן... אַזוי אומגעריכט?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ווירקליך: נישט לאַנג בעזוכט צו דער צייט...

ד אָ ק ט אָ ר: ס'האָט עפּיס אַ וויכטיגע בעדייטונג אייער קומען?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (געקריינקט): ווי ווילט איהר דאָס אויס-כאַפּען מיט איין אָטעם... נישט מ'בעט אַ טריט ווייטער פון טהיר?

ד אָ ק ט אָ ר (גיט אַ רוק אַ בענקעל): זיצט...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (טהוט אויס דעם מאַנטעל, האַלט איהם אין האַנד. פויזע): כע... ס'האָט אייך געמוזט שלעכט טרעפען מיין אַהערקומען, ה' דאָקטאָר, אַז איהר זעהט נישט: כ'האַלט שוין נ'מאַנטעל עטליכע סעקונדען אין האַנד?...

ד אָ ק ט אָ ר (כאַפּט זיך, נעמט איהם אָב): באמת פערגעסען... פאַרוואָס האָט איהר איהם נישט איבערגעלאָזט אין פאָדערצימער? (קלינגט).

דינסטמיידעל (קומט אַריין).

דאָקטאָר: נ׳מאַנטעל?

דינסטמיידעל (נעמט איהם מיט מיט זיך — אָב).

פרייל. שטייער (וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן שטוהל, איינגעקוקט אין שפיגעלע, אַ גלעט געטהון איהר׳ס הערעליך): און איהר וואָס זיצט אַזוי פערקלערט, פרייל. פריעד?

פרייל. פריעד (כאַפּט זיך): ס׳דוכט זיך אייך...

פרייל. שטייער: אָבער מערקווירדיג: ביים אַרויסגעהן פון שטוב, און אויפ׳ן גאַנצן וועג געהענדיג, — איז ביי מיר נישט אַנדערש אויסגעקומען: כ׳וועל אייך דאָ טרעפען!...

פרייל. שטייער (מאַכט זיך קוראַזש): ווירקליך געווען אַ טראַף...

פרייל. שטייער (שמייכעלדיג): כ׳מיין פערקעהרט...

פרייל. פריעד (צוטומעלט): וואָס...

דאָקטאָר (כאַפּט אוים): פרייל. שטייער, ס׳איז נישט ריכטיג! איהר זייט אומזיסט חושד!...

פרייל. פריעד (ברוגז): ס׳מאַכט נישט... איך מאַך מיר וועניג פון דעם, וואָס ס׳פרייל. שטייער האָט גערן מיך צו בעליידיגען?...

פרייל. שטייער (געמאַכט): כאַ-כאַ-כאַ... ס׳איז קוים געווען אַ לייכטער שפאַס, און איהר האָט זיך שוין בענומען?... אַ פרעמדער וואָלט ווירקליך געקאָנט מיינען עפּיס... (קוקט אָנגעשטרענגט אויפ׳ן דאָקטאָר).

דאָקטאָר (דירעקט): ס׳איז מיר זעהר אומאַנגענעם... פרייל. שטייער, לאָזט איבער די שטעכווערטער...

פרייל. פריעד (ווי פריהער): ס׳שאַדט נישט, זיי קענען קומען אויף מיין חשבון... ס׳שאַדט נישט...

דאָקטאָר (איינגעשפּאַרט): איך וויל עס אָבער נישט!...

פרייל. שטייער (אויפגערעגט): מאָדנע... כ׳האָב, דוכט זיך, גאָרנישט געזאָגט, און קאָן זיך נישט אַרויספּלאָנטערן ביי אייך?...

דאָקטאָר: ס׳פרייל. פריעד איז ביי מיר דער אייגענער גאַסט וואָס איהר — איהר זייט מיר ביידע גלייך ליעב...

פרייל. שטייער: אָבער... כאַ-כאַ-כאַ... איך האָב עס

דאָך גאָרנישט אַזוי ווייט געמיינט!... (געערגערט): ה׳ לוּאיס, גיט מיר דעם מאַנטעל!...

ד אָ ק ט אָ ר : וואָס ווילט איהר טהון?...

פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר : אַוועקגעהן.

ד אָ ק ט אָ ר : ניין! איהר בלייבט איבער!

פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר : איך בין דאָ אַריינגעקומען אָהער אָהן דער מינדסטער אַהנונג, און ווען ס׳איז דאָ פריהער עפּיס נצוואָרען געי רעדט אַזעלכעס, וואָס איך האָב אונגערן אָנגעריהרט, — קאָן איך אייך שווערען, דאָס איך בין גאָרנישט אויסען געווען און גאָרנישט געמיינט, וואָס איהר!...

ד אָ ק ט אָ ר (נעמט איהר איין): איהר זייט צופיעל אויפגע- רעגט!... כאַ-כאַ... קומט... איהר מיינט ווירקליך?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד : ס׳איז מיר אַלץ איינס... איהר קאָנט זאָגען וואָס אייך געפעלט...

פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר (זעצט זיך צוריק): דער ה׳ לואיס איז מיין פריינד, פונקט אַזוי ווי אייערער, און פיליכט — מעהר...

ד אָ ק ט אָ ר : בעשטימט... בעשטימט...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (שמערצליך): און ווער האָט דען עפּיס צו אייך?...

ד אָ ק ט אָ ר : יאָ... (וויל אָבוועגדען) אָבער צו-וואָס טויג מיר ס׳גאַנצע רעדען?... איהר זייט מיר ביידע אָנגעלעגטע געסט!...

פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר : דאָס פרעהט מיך זעהר... פונדעסט- וועגען, (לאַכט זיך הארציג פונאַנדער) וואָס זיצט איהר אַזוי אַראָבגע- לאָזט די נעז?... פרייל. פריעד, וואָס מיינט איהר, כ׳געה איהם ביי אייך אַוועקנעהמען?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (שטעהט ראַפּטום אויף): ה׳ דאָקטאָר, וואו איז מיין מאַנטעל?

ד אָ ק ט אָ ר : וואָס ברויכט איהר איהם?

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד : איך געה אַוועק!...

ד אָ ק ט אָ ר : אַך, ס׳איז דאָך אונמעגליך, איהר זאָלט אייך נישט קענען צונויפרעדען?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד : כ׳ווייס נישט, ס׳פריילין שטייער איז

ספעציעל אַהערגעקומען מיט אַ כּראָנטעגזיע; שוין איהר אַריינקום איז נישט געווען קיין גלייכער...

פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר (שיסט אויס): זעלבסטפערשטענדליך! לאָ־זען שטעהן פינף מינוט אין דרויסען, ווייל ער איז נאָך נישט גע־האַט פריִיג געוואָרען מיט אייך — הייסט אַ גרויסע בעליידיגונג...

ד אָ ק ט אָ ר: אַ... ווילט איהר מיך חושד זיין, אַז איך האָב געמיינט צו געווינען צייט: אַז ס'פריילין פריעד זאָל קאָנען אָבווי־שען פון געזיכט די שפורען, מ'זאָל נישט קענען אין זיי עפּיס דערקענען?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (אין כעס): ס'קומט נישט אַנדערש אויס!...

פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר: בּ'ווייס נישט... נאָר אַז איך האָב אייך געשטערט אין אייערע אינטימע געשפּרעכען — דאָס בּרויכט איהר שוין נישט אָבלייקענען!...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (נערוועז): איך געה אַוועק!

ד אָ ק ט אָ ר (כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ):וואָס אַ פרוי קען קומען אויפ'ן געדאַנק?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (גנעמט וויינען אויפ'ן קול): יאָ... כ'איז גוט אַזוי... ס'איז גוט אַזוי... כ'האָב עס מיר פערדינט... (פאַלט אַריין אין היסטעריקע).

ד אָ ק ט אָ ר (פערצווייפעלט): בערוהיגט אייך!...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: אַז כ'האָב זיך אָבגעגעבען מיט איהר, גערעדט, שפּאַצירט, און נישט געקוקט וואָס די גאַס רייסט מיר אויס די אויגען!...

ד אָ ק ט אָ ר: כ'וועל נאָך היינט בּרויכען אַרויסרופען אַ דאָק־טאָר צו זיך אין קאַבּינעט...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (חלש'ט): אַך... אַך... אַך... איך וועל עס נישט אויסהאַלטען!... ה' לואיס, בעשטעל מיר אַ דראָזשקע!... טהוט מיר אַ געפעליגקייט!...

ד אָ ק ט אָ ר: נו. פריייל. שטייער איהר האָט עס נויטיג בע־דאַרפען?...

פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר (קאַלטבלוטיג): איך האָב נישט אַנדערש געקענט...

פרײל. פריעד (מעהר־וועגיג בערוהיגט): גוט... כ׳וועל שוין וויסען!...

פרײל. שטײער: ווי! איהר פערשטעהט...

דאָקטאָר: בין איך געווען גערעכט, פרײל. שטײער, ווען כ׳האָב אייך נישט געוואָלט אויפבעמען?...

פרײל. שטײער: ס׳קען זיין... (פויזע) איך האָב פון אָנהויב אַליין אויך געוואָלט אַוועקגעהן נאָר, איך האָב זיך גלייך איבער־געלעגט...

(ס׳קלינגט).

דינסטמײדעל (קומט אַריין): אַ מענש ווינשט מיט אייך צו רעדען!

דאָקטאָר (נעמט אַרויס זיין זייגער): זאָל ער קומען פון האַלב־פינף ביז האַלב זיבען; איך נעם אַצינד קיינעם נישט אָן...

דינסטמײדעל: ס׳איז פון דאָרטען, וואו מ׳האָט פריהער גערעדט מיט אייך דורכ׳ן טעלעפאָן!

דאָקטאָר: הום... ווי לאָזט מען זיי ביידע דאָ איבער!...

פרײל. פריעד (מעהר געלאַסען): געהט אַריין, ה׳ לואיס, שטערט אייך נישט...

דאָקטאָר: איהר וועט זיך פערהאַלטען רוהיג?...

פרײל. פריעד: קלעהרט נישט איבער!...

דאָקטאָר (צום פרײל. שטײער): ענטשולדיגט!... איך קום צוריק... (אָב. אַ נעדריקטע שטימונג).

פרײל. שטײער: כ׳וויל מיט אייך עפּעס רעדען...

פרײל. פריעד (נאָך אַ ווײלע): רעדט...

פרײל. שטײער: איהר האָט ליעב לואיס׳ן?...

פרײל. פריעד (קלעהרט נאָך): און איהר?...

פרײל. שטײער: כ׳וויל וויסען ביי אייך...

פרײל. פריעד: און איך וויל וויסען ביי אייך...

פרײל. שטײער: אויב אַזוי, ווילט איהר איך זאָל אייך פריהער זאָגען?...

פרײל. פריעד: יאָ...

פרײל. שטײער: און וואָס קען איך, אייגענטליך, אינ־

טערעס־רען,—צו איך האָב ליעב לואיס׳ן, צו איך האָב איהם נישט ליעב?...

פרייל. פריעד: מסתמא געהט עס דאָך מיר אין עפּעס?...

פרייל. שטייער: הייסט עס: איהר האָט איהם ליעב!...

פרייל. פריעד: דאָס איז מיין זאַך!... נאָר זאָגט מיר אויף דעם, וואָס איך פרעג ביי אייך?..

פרייל. שטייער (קלעהרט נאָך): זאָגען אייך?... גוט!... איך האָב איהם ליעב!.. נו?...

פרייל. פריעד: אַזוי?...

פרייל. שטייער: און נישט פון היינט, אויך נישט פון נעכטען, נאָר פון פאַר א יאָהרען, און פיל־ייכט: נאָך מעהר... (קריינקליך) ס׳איז איבערהויפּט אָרן אַ צייט, אָהן אַ רעכנונג, וואָרים מ׳קען דען, אייגענטליך, קאָנטראָלירען די געפיהלען, ווען זיי האָבען זיך צוגעלאזען צו אַ מענש?... און ווען דאָס איינגאַנצען איז אַ געפיהל־זאַך?...

פרייל. פריעד: נ׳ יאָ!... אַהום...

פרייל. שטייער (נאָך אַ ווײַלע): נו, וואָס זאָגט איהר?...

פרייל. פריעד: גאָר נישט!... כ׳האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגען!

פרייל. שטייער: אויב אַזוי, קען איך אייך אפשר בעטען אַז איהר זאָלט מיר נישט געהן אין וועג אַריין?...

פרייל. פריעד: נו?...

פרייל. שטייער: פרייל. פריעד, בעת איך האָב מיר שוין אויסגעטראָטען אַזאַ ברייטען וועג, און איבער געגאַנגען אַהער אויף אַזאַ מהלך,— זאָלט איהר מיר נישט קאַליע מאַכען!...

פרייל. פריעד: איך האָב גאָר נישט אין זין אייך קאַליע צו מאַכען, ווי ס׳זאָל פאַר מיר גוט זיין...

פרייל. שטייער: ס׳הייסט, איהר געהט מיט מיר אַרויס אין אַ מלחמה?...

פרייל. פריעד: ווי איהר פערשטעהט...

פרייל. שטייער: כאַ־כאַ־כאַ... און איהר גלויבט צו זיין די שטאַרקע?...

פרייל. פריעד: כ'ווייס?...

פרייל. שטייער: און צוליעב וואָס טהוט איהר עס?

פרייל. פריעד: אַלץ גלייכער ווי אַליין זיך אָבצוזאָגען!...

פרייל. שטייער: הם־ם... (פויזע) זאָגט מיר, פרייל. פריעד, צוליב וואָס טהוט איהר עס?...

פרייל. פריעד (לאַכט): כאַ־כאַ־כאַ... ווייל — ס'האַרץ וויל אזוי... איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט: מ'קען נישט איינפיהרען קיין קאָנטראָלע איבער די געפיהלען, ווען זיי צולאָזען זיך צו אַ מענש?...

פרייל. שטייער: הם־ם...

פרייל. פריעד: איך מיין: מ'זאָל זיך ביידע אָנפערטרויען אין לאָיס'ן... זאָל ער זאָגען?...

פרייל. שטייער: אַ, דאָס ווילט איהר איהם צוגרייטען אויף אייערע צערטליכקייטען און אויף אייערע לאַסקעס?...

פרייל. פריעד (לאַכט פערלעגען): כאַ־כאַ־כאַ...

פרייל. שטייער: פרייל. פריעד, זאָלט איהר וויסען: אַז איך וועל מיך נישט אָבשרעקען!... כאָטש איך בין עלטער פאַר אייך, בין איך פאַר דאָס שטאַרקער אין דער נאַטור... (שטעהט אויף, נעמט זיך צורעכט מאַכען די פריזורע. א. ז. וו).

פרייל. פריעד (ראַפּטום): איהר געהט אַוועק?

פרייל. שטייער: יאָ.

פרייל. פריעד: און האָט נישט קיין מורא מיך צו לאָזען מיט לואיס'ן אַליין, אַז איך וועל ווידקען אויף אהם מיט מיינע לאַסקעס?...

פרייל. שטייער: שטאַרק דער קאַמף—הייסער די ליעבע...

פרייל. פריעד: און צו וואָס זייט איהר אַהערגעקומען?...

פרייל. שטייער: ווייל... כ'האָב מיר געבראַכט בעשליסען אויף דעם, וואָס כ'האָב מיך בעשלאָסען; ביז אַצינד איז פאַר מיר אַלץ געווען אונקלאָר, נעפעלדיג... כ'האָב געזעהן: איהר קריכט צו איהם, שפּאַצירט מיט איהם, אָבער כ'האָב מיך נישט געלאָזט צו גלויבען וואָס די גאַס זאָגט: אַז דאָס זאָל זיין וואָהר?...

פרייל. פריעד: און אַצינד זייט איהר זיכער?...

פרייל. שטייער: יאָ... ס'איז פאַר מיר אַלץ קלאָר גע-

וואָרעןֹ!... און כ'וועל וויסען, וואָס כ'האָב צו טהון?

דאָקטאָר (קומט צוריק): וואָס איז?... איהר געהט אוועק?...

פריל. שטייער: יאָ...

דאָקטאָר: ווידער נישט געקענט אדורכקומען צווישען זיך?...

פריל. שטייער: וואָס איז אייך אַ חילוק צו וויסען?... איהר ווערט מיר הייסען אַריינגעבען ב'מאַנטעל?...

דאָקטאָר (הויבט די אַקסלען): כ'פערשטעה נישט... איהר זענט דאָך אודאי אהערגעקומען צו-ליעב עפּיס, ניין?...

פריל. שטייער: גיט מיר נ'מאַנטעל! (פערשווינדט און קומט צוריק אָנגעטהון אין מאַנטעל).

דאָקטאָר: בנאמנות, ווי כ'הויב נישט אָן צו וויסען, וואָס ס'טהוט זיך דאָ?

פריל. שטייער: ס'פריל. פריעד וועט אייך שוין אַלץ זאָגען...

דאָקטאָר: אַך!... כ'האָב גרויס קריינקונג פון דער גאַנצער געשיכטע...

פריל. שטייער: וואָס קען מען טהון!... איהר ברויכט זיך נישט מאַכען גאָר... כע... וואָס קען עס אייך אַרען, ווען צוויי יונגע פרויען זענען אין אייך גלייך פערליבט?... כאַ-כאַ-כאַ...

דאָקטאָר: וו—אַ—ס?...

פריל. שטייער (דריקט נערוועז זיין האַנד): וואָס,— איהר האָט זיך אַזוי דערשראָקען?... כאַ-כאַ-כאַ... ס'איז דאָך אַ קלייניגקייט!... שרעקט זיך נישט, מ'לאָזט אייך איבער אַ פרייע האַנד צום אויסוואַהל!... אַדיע!...

דאָקטאָר (צוטומעלט): פריילין שטייער, וואָסרעדט איהר?...

פריל. שטייער: אַזוי איז... ה' לואיס... מעהר קען איך אייך גאָר נישט זאָגען אַ צינד (מיט אַנ'אויג צו דער פריל. פריעד) אָז איך האָב אַ שלאָס אויפ'ן מויל?... כ'האָב מיט אייך זעהר פיל צו רעדען, אויף וואָס כ'ברויך האָבען אַ בעזונדערע צייט, אַ געראַומטע צייט—נישט געציילטע מינוט, דער זייגער זאָל ליגען אויפ'ן טיש?... אַדיע!... (געהט אַרויס).

דאָקטאָר (בלייבט אין הינטערגרונד פערקלערט).

**פריידל. פריעד** (זיצט פערזונקען, טרערן קומען איהר אין די אויגען).

**דאָקטאָר** (כאפט זיך): פריידל. פריעד, וואָס זיצט איהר אַזוי פערנאריערט?...

**פריידל. פריעד:** פאר וואס זאָל איך נישט זיצען פער־טרויערט?...

**דאָקטאָר** (בעמערקט טרערן אין איהרע אויגען): אַך, איהר האָט טרערן אין די אויגען?...

**פריידל. פריעד:** כ'וויים...

**דאָקטאָר:** ס'איז נישט שען: איהר זאָלט וויינען!...

**פריידל. פריעד:** נישט שען?...

**דאָקטאָר:** פערשטעהט זיך...

**פריידל. פריעד:** כ'האָב ווירקליך שוין לאַנג נישט געוויינט!...

(פאַלט אין אויגענבליק אַריין אין אַ היסטעריש געוויין, פון וועלכען זי קען זיך גיך נישט שטילען).

**דאָקטאָר** (וויל איהר צו־נעמען): וואָס איז מיט אייך? ...איהר האָט דען שוין בעקומען אַ שלעכטען ענטפער פון מיר?...

**פריידל. פריעד:** וואָס ברויך איך בעקומען מעהר ווי כ'האָב?

**דאָקטאָר:** נו, וואָס זאָל איך טהון?... איהר ווייסט: כ'האָב מיט איהר קיינמאָל נישט אַפּערגעהאַט; זי שפירט צו מיר אַ בעזונדערע ליבשאַפט—נו, וואָס זאָל איך טהון!...

**פריידל. פריעד:** זי איז אַ געפעהרליך מענש!... איהר קענט נישט איהר כאַראַקטער!... זי האָט אין זיך אַזאַ בייזקייט!... זי האָט זיך פערשוואוירען דיך אָנצורעדען פון מיר...

**דאָקטאָר:** דאָס וועט איהר שפּעטער זעהן, אויב זי וועט קענען...

**פריידל. פריעד:** יאָ... דאָס האַרץ זאָגט מיר שוין...

**דאָקטאָר:** אודאי!... דעם ערשטען ביישפיל האָט איהר שוין אַצינד געהאַט ביי דער בעגעגעניש?—(ענדערט) ווען איהר ליבט מיך—ברויכט איהר זיין פאָלקאָם זיכער אין מיר!...

**פריידל. פריעד** (אויפגערעגט): זאָגט איהר עס פון גאַנצען האַרץ!...

דאָקטאָר (נעמט איהר צו זיך): פונ'ם גאַנצען האַרץ!...

פּרייל. פּריעד (טוליעט זיך צו איהם): אויב אַזוי בין איך גליקליך!... בין איך גליקליך!...

(ס'קלינגט).

דינסטמיידעל (קומט אַריין): מ'רופט!

דאָקטאָר (נערוועז): זאָגט דאָרט: איך בין נישט אין דער היים!...

פּרייל. פּריעד: געהט... געהט... איך בין אַצינד גאַנץ רוהיג!...

דאָקטאָר (אָב).

פּרייל. פּריעד (געהט לאַנגזאַם איבער'ן צימער, קלערט עפּעס, נעמט אַרויס אַ שפּיגעלע פון בייטעל, און שפּיגעלט זיך איין).

דאָקטאָר (קומט צוריק): דאַנקען גאָט, גע'פּטר'ט!...

פּרייל. פּריעד: וואָס איז?

דאָקטאָר: האַלב אַכט אין אָוונד זאָל איך זיך בעטייליגען אין אַ קאָנסיליום...

פּרייל. פּריעד: אין שפּיטאָל?

דאָקטאָר: יאָ...

פּרייל. פּריעד: זעצט אייך... (זעצט איהם) כ'וועל אייך עפּעס זאָגען...

דאָקטאָר: זאָגט.

פּרייל. פּריעד (קוקט איהם לאַנג אין די אויגען): איהר מיינט, כ'וועל עפּעס האָבען צו אייך, אַז איהר וועט פערברענגען מיט דער פרייליין שטייער?

דאָקטאָר (ערשטוינט): וואָס רעדט איהר?

פּרייל. פּריעד: איהר קענט איהר?

דאָקטאָר: וואָס מיינט איהר?

פּרייל. פּריעד: און ר'ווייסט, וואָס מ'רעדט וועגען איהר?...

דאָקטאָר (טומעלט): כ'ווייס?... מ'זאָגט, זי האָט זעהר אַ שלעכטען שם אין שטאָדט!... אָבער, וואָס מיינט איהר?...

פּרייל. פּריעד (קאָקעטירט): מ'זאָגט: יענע וואָס האָבען פערברענגט מיט איהר—האָבען נישט דערלעגט... כאַ-כאַ-כאַ...

**דאָקטאָר** (שפּרינגט אויף): אַזוי...

**פרייל. פריעד**: יאָ... זי איז זעהר אַ גוטע...

**דאָקטאָר** (רייבט זיך דעם שטערען): זאָל זי זיין אַ זעלבע?

**פרייל. פריעד**: יאָ! און אז זי וועט קומען צו אייך, ה לואיס, זאָלט איהר וויסען מיט וואָס פאַר אַ מענש איהר רעדט..

**דאָקטאָר** (דערשראָקען): וואָס רעדט איהר?...

**פרייל. פריעד**: כאַ-כאַ-כאַ... איהר מיינט, ס'וועט מיך עפּעס אַרען?... איהר ווייסט, די פרויען געפינען זיך בעליידיגט, ווען זיי געהען אַוועק, און איהר האָט זיי נישט פערשטאַנען...

**דאָקטאָר**: פרייל. פריעד, כ'הער צום ערשטען מאָל אַזעלכע רייד פון אייך... אַ-האַ! איך פערשטעה שוין: איהר ווילט מיך דאָ מיט עפּעס אויספּרובען?!...

**פרייל. פריעד**: חלילה! איך מיין: איהר זאָלט דאַן קענען שפּעטער אונטערשיידען פון מיר ביז אַזעלכע?...

**דאָקטאָר** (אין פערלעגענהייט): הום... דאָס איז אַ זאַך... (עגרערט) איך וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלויבט...

**פרייל. פריעד**: איבריגענס, מ'קען נישט וויסען, נאָר ס'קען זיין, ווייל זי האָט אייך ליעב... איהר פערשטעהט? כאַ-כאַ-כאַ...

**דאָקטאָר** (אָנגעריהרט): אָ, דאָס וועל איך נישט טהון!...

**פרייל. פריעד**: זייט איהר אַ קינד!... לואיס, כ'שווער אייך, אַז ס'וועט מיך גאָר נישט אַרען!... איך וועל נאָך צופרידען זיין!... (נאָהנט צו איהם) איך וועל אייך דערפאַר פיל מעהר ליב האָבען!... (קושט איהם) פיל מעהר ליב האָבען!...

פאָרהאַנג.

# צווייטער אקט.

כ״ט אַ צייט שפּעטער.

ביים דאָקטאָר אין קאַבּינעט.

**ד אָ ק ט אָ ר** (ליגט אויסגעלעגט בּעקוועם אויף דער קאַנאַפּע. לייענט אַ בּוך, פעררויכערט נאָכדעם אַ ציגאַר, קוקט אויפ׳ן זייגער. וואונדערט זיך): הו־ם... האַלבּ דריי. . (לייענט).

(ס׳קלינגט).

**ד י נ ס ט מ יי ד ע ל** (קומט אַריין): ס׳פריילֿ. שטייער.

**ד אָ ק ט אָ ר**: נישט פריעד?...

**ד י נ ס ט מ יי ד ע ל**: זאָל איך זאָגען: איהר זענט נישט אין דער היים?...

**ד אָ ק ט אָ ר**: כ׳ווייס?...

**ד י נ ס ט מ יי ד ע ל**: הייסען אַריינגעהן?...

**ד אָ ק ט אָ ר**: כ׳ווייס?...

**ד י נ ס ט מ יי ד ע ל**: וואָס בּלייבּט?...

**ד אָ ק ט אָ ר**: הום... די אייגענע געשיכטע... ס׳פריילֿ. פריעדבּרויך קומען צו דער צייט, און זיי וועלען זיך בּאַלד בּעגעגנען...

**ד י נ ס ט מ יי ד ע ל**: נו?...

**ד אָ ק ט אָ ר**: ס׳איז מיר שרעקליך אונאַנגענעם!... איך קען מיר אַליין קיין עצה נישט געבּען!... דאָס זאָל זיין אַ צופאַל, אַן אונטערגעהערטע געשיכטע?...

**ד י נ ס ט מ יי ד ע ל**: וואָס קען איך וויסען?

**ד אָ ק ט אָ ר**: ס׳פריילֿ. שטייער איז עפּיס געווען דאָ פאָריגע וואָך, נאָכדעם ווי זי האָט זיך געטראָפען מיט דער פריילֿיין פריעד?...

**ד י נ ס ט מ יי ד ע ל**: איינציגע מאָל...

ד אָ ק ט אָ ר: און זי האָט נישט עפּיס געפרעגט אויף דער פריל, פריעד: אויב זי קומט?... אין וועלכער צייט?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: זי האָט זיך יאָ געפרעגט!...

ד אָ ק ט אָ ר: און איהר האָט עפּיס געזאָגט?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל (הויבט די אַקסלען): כ'ווייס...

ד אָ ק ט אָ ר: אַך!... אומעטום מאַכט איהר קאַליע!... דענסט-מאָל האָט איהר גערעדט דאָס וואָס מ'ברויך נישט, און אַצינד... וואָס טהוט מען?... אַ מיידעל ביי דער טהיר זאָל נישט וויסען צו שווייגען...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל (דערשראָקען): איך האָב נישט געזאָגט גאָר!...

ד אָ ק ט אָ ר: צו וואָס זייט איהר ביי מיר?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל (שווייגט).

ד אָ ק ט אָ ר: קיין עסען קאָכט איהר נישט; דאָס צימער ריינigt איהר זעלטען; צו וואָס זייט איהר ביי מיר?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: צו דער טהיר!

ד אָ ק ט אָ ר: זאָלט איהר זיך נישט אָבגעבען מיט קיין געסט!... איהר ברויכט טהון ס'אייעריגע ווי אַנ'אויטאָמאַט, און שווייגען ווי אַנ'אויטאָמאַט...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (קומט אַריין אומגעריכט): גוט נ'אָוועגד, ה' לואיס!...

ד אָ ק ט אָ ר: אַך...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ענטשולדיגט וואָס איך בין אַהער אַריינגעקומען אומאָנגעזאָגט!... ס'הייסט, ביז איהר וועט מיך פרי-הער הייסען אַריינגעהן!...

ד אָ ק ט אָ ר: דאָס מאַכט נישט... (גיט איהר די האַנד) אַלענ-פאַלס, האָט איהר געברויכט אַביסעלע מעהר זיין קאָרעקט, ווייל ר'האָט גראָד געקענט דאָ אָנטרעפען אויף אַ קראַנקען אין בלויזען העמד...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (לאַכט פערלעגען): דאָס וואָלט געוועזן אַ צופאַל!... כאַ-כאַ-כאַ!... ס'איז דאָך אָבער נישט אין אייער אויפ-נאַהם-שעה. ווען איהר נעהמט-אָן געסט...

ד אָ ק ט אָ ר: דאָס איז אַ קלייניגקייט... ס'טרעפען זיך אויס-

באַהם-פֿאַלען...

פֿ ר ײַ ל. ש ט ײַ ע ר (ווי פֿריהער): כאַ-כאַ-כאַ!... דאָס וואָלט געווען שען!... איך שטעל מיר שוין פֿאָר!... אַלענפֿאַלס, נישט אַזוי געפֿעהרליך ווי איך זאָל טרעפֿען אַ פֿרוי!... כאַ-כאַ!...

ד אָ ק ט אָ ר: איהר האָט אַודאי געמיינט דאָ צו טרעפֿען ס׳פֿרײַל. פֿריעד, און דערפֿאַר האָט איהר זיך אַרײַנגעריסען?...

פֿ ר ײַ ל. ש ט ײַ ע ר (ברוגז): אַרײַנגעריסען?... די טהיר איז גאַנץ אָפֿען געווען!... קיין אָנפֿאַל אויף אײַער שטוב האָב איך נישט געמאַכט, און אויף אײַער לעבען אודאי נישט...

ד אָ ק ט אָ ר (געקרײַנקט): איהר האָט אונז געוואָלט טרעפֿען „אײַפֿ׳ן הייסען“... כאַ-כאַ-כאַ... (צום דינסטמײַדעל) וואָס איז ס׳שטעהן?

ד י נ ס ט מ ײַ ד ע ל: ענטשולדיגט (אָב).

פֿ ר ײַ ל. ש ט ײַ ע ר: איהר האָט אַ טעות!... איך האָב אײַך נישט געוואָלט כאַפּען, נאָר געפֿיהלט זיך בעליידיגט, וואָס איהר לאָזט מיך אַזוי לאַנג שטעהן אין דרויסען?...

ד אָ ק ט אָ ר: איהר ווייסט נישט, ווי מ׳פֿיהרט זיך אין אַזאַ פֿאַל?.

פֿ ר ײַ ל. ש ט ײַ ע ר: ווי?... (גיט זיך אַ כאַפּ): אַ גוטע נאַכט...

ד אָ ק ט אָ ר (כאַפּט זיך): וואָס איז מיט אײַך?...

פֿ ר ײַ ל. ש ט ײַ ע ר: לאָזט!... כ׳בעט אײַך!... ה׳ לואיס, פֿערשטעלט מיר נישט ד׳וועג!...

ד אָ ק ט אָ ר (ראַנגעלט זיך מיט איהר): איהר בלייבט בײַ מיר!... איהר געהט נישט!... כ׳שווער אײַך בײַ מיין לעבען, ביים אַנדענקען פֿון מיין מוטער!...

פֿ ר ײַ ל. ש ט ײַ ע ר: ס׳אַ פֿרעכקייט!... איהר ערלויבט אײַך צופֿיל!...

ד אָ ק ט אָ ר: כ׳שווער אײַך... ווי כ׳האָב זיך אונגערן אַרויסגערעדט... אַך, איהר לאָזט אײַך נישט געבען צו פֿערשטעהן...

פֿ ר ײַ ל. ש ט ײַ ע ר (בלייבט שטעהן): אַלענפֿאַלס, האָב איך נישט וואָס דאָ מעהר צו טהון; די בעליידיגונג האָב איך אַראָבגעשלונגען; איך בין רויט געוואָרען, געפֿיהלט זיך אַ רגע געקרײַנקט, אָבער—דאָס איז שוין פֿאַרבײַגעגאַנגען...

ד אָ ק ט אָ ר: זייט איהר פֿון אַ גליקליכע נאַטור!... איהר קענט

זיך גיך פּאַסען... זיצט!...

פּרייל. שטייער: דאָס נישט...

דאָקטאָר: פאַר וואָס נישט?...

פּרייל. שטייער: ווייל די צופעליגקייט פון אַזאַ אויסדריק גיט מיר ערשט קיין אָרט נישט ביי אייך, און ערלויבט מיר נישט איבער צובלייבען זאָגאַר... נור...

דאָקטאָר: איך פערשטעה עס נישט...

פּרייל. שטייער: אָבער איך פערשטעה עס שוין צו-גוט!... פון דעם וואָס מ'קלעהרט אַלע מאָל, האָט מען עס אין זין, און ס'גליטשט זיך אומגעריכט אַראָב פון דער צונג!...

דאָקטאָר: אָ, איהר זוכט שוין אַ מיין מיט ליכט!...

פּרייל. שטייער: ניין, ס'איז אַזוי...

(ס'קלינגט).

דינסטמיידעל (קומט אריין): מ'רופט צום טעלעפאָן!

דאָקטאָר: ענטשולדיגט!... (געהט אָב עטליכע טרים) מאַכט זיך בעקוועם, טהוט אויס נ'מאַנטעל, איך קום אין אויגענבליק צוריק... (אָב).

פּרייל. שטייער (געהט הין-און-צוריק און געפינט זיך קיין אָרט נישט).

דאָקטאָר (קומט צוריק מונטערער): איהר האָט נאָך נישט אויסגעטהון אייער מאַנטעל? ס'פעררריסט מיך!

פּרייל. שטייער (שפּאַסהאַפט): כ'ווייס?... פילייכט אַ קראַנקער?.. און איהר קענט מיך ווידער הייסען געהן?...

דאָקטאָר (ציהט פון איהר אַראָב נ'מאַנטעל): אַ... רעדט נישט מעהר... זיצט...

פּרייל. שטייער (זעצט זיך — שטיל).

דאָקטאָר (נאָך אַ ווײַלע): איהר ווילט מיר אודאי עפּיס זאָגען?... ניין?...

פּרייל. שטייער: כ'ווייס...

דאָקטאָר: שטערט איך נישט!... איהר קענט רעדען גאַנץ פריי!... אייער לאַגע אינטערעסירט מיך!...

פּרייל. שטייער: אָבער איהר קענט מיר וועניג-וואָס

העלפֿען, ה׳ לואיס, ניין?...

ד אָ ק ט אָ ר : ווייסט איהר שוין פֿאָראויס?

פּ ר יי ל. ש ט יי ע ר (שמייכלענדיג): ווייל ס׳האַנדעלט זיך נישט אין קיין ערצטליכע הילף, און אויך נישט אין קיין פֿילאַנטראָפּי־שע שטיצע...

ד אָ ק ט אָ ר : נו, דאָס פֿערשטעה איך...

פּ ר יי ל. ש ט יי ע ר : און דאָך רעדט איהר צו מיר אין אַזאַ טאָן, גראָד ווי איך וואָלט עפּיס געווען אַנ׳אָרימע קורסיסטקע, וואָס האָט נישט איינצוצאָהלען פֿאַר׳ן לימוד, און נויטיגט זיך שטאַרק אין אַ מאַטעריעלע אונטערשטיצונג פֿון אַ געזעלשאַפֿטליכען פֿער־איין, וואו איהר זאָלט זיין דער פּרעזעס פֿון איהם!...

ד אָ ק ט אָ ר : האָט איהר מיך שלעכט פֿערשטאַנען!...

פּ ר יי ל. ש ט יי ע ר : ניין! ס׳קען זיין איהר האָט גוט גע־מיינט, נאָר שלעכט גערעדט...

ד אָ ק ט אָ ר : און דאָס איז מעגליך...

פּ ר יי ל. ש ט יי ע ר : ווייל איך פֿערשטעה אייך גראָד זעהר גוט!... נאָר דער טאָן, וואָס איהר רעדט צו מיר, איז נישט קיין פּאַסיגער...

ד אָ ק ט אָ ר : איך קען זיך דאָך אָבער נישט בעשאַפֿען אויף דער מינוט קיין אַנדער טאָן; טאָן איז — געמיט; געמיט שאַפֿט די געהעריגע שטימונג...

פּ ר יי ל. ש ט יי ע ר : דאָס איז עפּיס אַנדערש...

ד אָ ק ט אָ ר : גוט... שאַפֿט מיר די שטימונג, ברענגט אין מיר אַריין יענע געפֿיהלען, אַז איך זאָל ווערען ווייכער, געפֿיהל־פֿולער...

פּ ר יי ל. ש ט יי ע ר : רעדט איהר צו אַנ׳אַנדערער אויך אַזוי?

ד אָ ק ט אָ ר : כ׳רייד?... ס׳איז אַ שטימונגס־זאַך... ווי מ׳איז אויפֿגעלעגט... אַ מאָל אין אַ גוטער לוינע, אין אַ שלעכטער...

פּ ר יי ל. ש ט יי ע ר : הייסט עס: די שטימונג בעשאַפֿט דער מענש; און דאָס ברויך איך בעשאַפֿען?...

ד אָ ק ט אָ ר : פֿערשיעדען... אַ מאָל דער מענש, די צייט, אומגעבונג, געזעלשאַפֿט, שטימונג איז אַ קאַפּריז; די סבה קען אַזוי

גוט זיין—די אויפרעגונג, ווי דער הומאָר...

**פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר:** הו-ם...

**ד אָ ק ט אָ ר:** פון וואָס זאָל איך מיך, אייגענטליך, געפינען אין אַ גוטער שטימונג?... אַ האַלבען טאָג פּערב־ענג איך אין קלי־ניק, וואו דאָס שנייד-מעסער געהט מיר נישט אַרויס פון האַנד; כ'געה אַוועק פון דאָרטען, בעגעגען איך די פיער ווענד פון מיין צימער, און ווידער די אייגענע שנייד-מעסער, די אייגענע אינסטרו־מענטען, וואָס קוקען מיך אָן מיט זייער ווייסען מעטאַלענעם גלאַנץ...

**פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר:** און דאָס איז וואָהר...

**ד אָ ק ט אָ ר:** איך וועל גאָרנישט לייקענען, אַז כ'פערמאָג שוין זעהר ווייניג ווייכקייט אין מיר, און בין אַזוי קאַלט, אַזוי טרוקען, גראָד אַזוי קאַלט און געשליפען ווי מיינע אינסטרומענ־טען אַליין זענען...

**פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר:** ס'איז קיין וואונדער נישט...

**ד אָ ק ט אָ ר:** און דערפאַר... איהר ברויכט זיך נישט פיהלען בעליידיגט. ווען איך רעד צו אייך אַזוי, ווייל גראַד ווען איך רעד אַזוי בין איך גאַנץ ערנסט...

**פ ר י י ל. ש ט י י ע ר:** גוט... ווילט איהר זיך מיט מיר אַ דורכשמועסען...

**ד אָ ק ט אָ ר:** זעהר גוט...

**פ ר י י ל. ש ט י י ע ר:** און איהר וועט מיר ענטפערען אויף אַלעם, וואָס כ'וועל אייך פרעגען?...

**ד אָ ק ט אָ ר:** נו, אויב עס וועט נישט אַריבערגעהן די גרע־נעצען פון מיין אינטים לעבען?...

**פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר:** וואָס הייסט ביי אייך אינטים?...

**ד אָ ק ט אָ ר:** אויב איהר וועט נישט וועלען אַריינקריכען אין מיין נשמה, כ'ווייס... פאַרהאַן אַזעלכע זאַכען פון וועלכע, אַז מ'לעבט, שוין זאָגאַם יאָהרען מיט אַ פרוי, קען מען וועגען זיי אַלץ נישט רעדען!...

**פ ר ײ ל. ש ט ײ ע ר:** נ'גוט... ס'איז וואָהר... איהר זאָלט אויף דער אַנדער וואָך תנאים שרייבען מיט דער פריייל. פריעד?...

**ד אָ ק ט אָ ר:** ס'קען זיין...

פרײל. שטײער: דאָס איז נישט געזאָגט גאָר...

דאָקטאָר: װי?

פרײל. שטײער: דאָס איז נישט געזאָגט גאָר...

דאָקטאָר: װײל בעשטימט קען איך אײך נישט זאָגען גאָר... כ׳װײס: װי ס׳װעט זיך אויסשפּילען!...

פרײל. שטײער: ס׳איז נאָך בײ אײך אלץ אַ שפּיל?... אַזאַ צײט װי איהר פֿערברענגט צוזאַמען, ברויכט איהר שוין האָבען אַ בעגריף װעגען איהר?...

דאָקטאָר (שטײלעלדיג): יאָ, פֿערגעסט נישט, אַז דאָס איז נישט קײן פּאָליטישע פּלאַטפֿאָרם, נאָר אַ פֿרוי בײ װעלכע דער קאַפּריז שאַפֿט תּמיד אַ מאָדנע שטימונג, אויף װעלכע מ׳קען קײנמאָל נישט זײן זיכער...

פרײל. שטײער: הו-ם... װידער שטימונגען...

דאָקטאָר: די פֿרוי איז אַזוי װי אַ שװאַן; איהרע געפֿיהלען זײנען אַזוי רײך װי די שװאַם און בלעטלעך, און בעװעגען זיך לויט די קלאַנגען, לויט די שטראַהלען, לויט די טעג...

פרײל. שטײער: ס׳הײסט, אַ ספֿינקס...

דאָקטאָר: אַ ספֿינקס...

פרײל. שטײער: הום... אַלענפֿאַלס ברויכען אײך נישט פֿרעמד זײן די ליניען איהרע, די צוגען, שטריכען...

דאָקטאָר: פֿערשטעהט זיך! אָבער אין אַלעם איבריגען איז עס אַ צופֿאַל; כ׳קען איהר פֿאַר אַ מײדעל, װאָס קען אַ ביסעל צושטרײען,—יונג בלוט, זעהר אַ צאַרט װײבליך בעשעפֿעניש, װעניג ערפֿאַהרען, אָבער דאָס איז גראָד איהר מעלה; ערפֿאַהרונג איז אײבּרצײגונג; דאָס קומט פֿון איבערלעבונגען, צוגלײך מיט די יאָהרען, און ס׳איז זעהר פֿיל געװענדט אָן די לעבענס-פֿאָרמען, אָן דער סביבה, אין װעלכער זי לעבט זיך אויס...

פרײל. שטײער: ערשט אויסלעבען?...

דאָקטאָר: בעשטימט; אָבער אַ פֿרוי אין די יאָהרען איז זעהר דעליקאַט און לאָזט זיך זעהר לײכט אויסקנעטען װי מ׳װיל...

פרײל. שטײער: ס׳הײסט, װען זי איז נאָך נישט זאַגאַר דאָס, װאָס זי ברויך זײן— קען זי עס װערען?...

דאָקטאָר: אָהן צווייפֿל!

פֿריל. שטייער: נו, און זי איז אַזעלכע?...

דאָקטאָר (שמייכעלדיג): אַ ביסעל פּרימיטיוו, אָבער נישט פֿון ערגסטען—ס'איז אַ געשמאַק ־זאַך...

פֿריל. שטייער: הו־ם... אַ מאָדנע אַנשויאונג ביי אייך...
(ס'קלינגט),

דאָקטאָר (נערוועז): אַ האַלבע שעה דער גלאָק זאָל רוהען נאָכאַנאַנד...

דינסטמיידעל (קומט אריין): דער טעלעפֿאָן.

דאָקטאָר: זאָגט: איך בין נישט אין דער היים...

דינסטמיידעל: איך האָב שוין געוואָלט אַזוי טהון, ס'איז אָבער פֿון שפּיטאָל...

דאָקטאָר: פֿון שפּיטאָל? ענטשולדיגט! (אָב).

פֿריל. שטייער (בעטראַכט עפּעס אַ קאַרטע פֿון בייטעל. ווען דער דאָקטאָר קומט צוריק) אַזוי גיך?...

דאָקטאָר: כ'זאָל קומען נאָך מיטאָג... (פּויזע).

פֿריל. שטייער: זיצט... (זעצט איהם אַוועק) איהר זייט שלעכט געשטימט, ניין?...

דאָקטאָר: (פּרובט מאַכען אַ שמייכעלדיג פּנים): ניין...

פֿריל. שטייער: איך דערקען עס אין אייערע אויגען.

דאָקטאָר: וואָס דערקענט איהר אין מיינע אויגען?

פֿריל. שטייער: (געהט אַוועק איבער'ן שטוב): גאָר נישט... (פּויזע).

דאָקטאָר (כאַפּט זיך): איהר זאָגט עפּעס?...

פֿריל. שטייער ווי?... ניין!...

דאָקטאָר (שטעהט אויף, קוקט אין איהרע אויגען): איהר האָט מיך ליעב?...

פֿריל. שטייער (קוקט איהם מטושטש אין די אויגען): ווי?...

דאָקטאָר (אין דעם זעלבען אָרט): איהר האָט מיך ליעב?...

פֿריל. שטייער: אַזוי קלאָהר שטעלט איהר די פֿראַגע?...

דאָקטאָר: יאָ.

פֿריל. שטייער: און איהר ווילט וויסען?

ד אָ ק ט אָ ר: יאָ.

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: זאָל איך אייך זאָגען?

ד אָ ק ט אָ ר: יאָ,

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: כ׳האָב אייך ליעב!...

ד אָ ק ט אָ ר (קלערט אַ ווײַלע): און איהר קענט עס איבער־צייגען?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: איבערצייגען?...

ד אָ ק ט אָ ר: יאָ...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: הום... וואָס איז עס אַ געריכט׳ס־זאַך, אַז כ׳קען צוגעהן צום טיש, אויפמאַכען ס׳שופלאָד און אַרויסנע־מען פּאַפּירען, אַז איהר זאָלט אייך איבערצייגען?...

ד אָ ק ט אָ ר (קען זיך נישט העלפען): און ווי דען?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ס׳איז עפּיס אַ געגענשטאַנד?... אַ מעטאַל? גאָלד, וואָס מ׳קען פּרובירען אויב ס׳איז ניט געפעלשט מיט שייד־וואַסער? דאָס איז אַ געפיהל־זאַך... ווי איהר זאָגט: אַ שטימונג...

ד אָ ק ט אָ ר: או־הום...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ווען איך זאָל אייך נישט ליבען, לואיס, וואָלט איך נישט אַזוי לייכט אָראָבגעשלונגען די בעליידיגונג פאָ־ריגע וואָך; נאָר אַ פרוי, וואָס ליבט פיהלט דאָס נישט...

ד אָ ק ט אָ ר: או־הום...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: די ליבע איז ווי יעדע גרויסע זאַך—אַנ׳־עגאָאיזם, און דער עגאָאיזם, ווייל ר׳איז אַזוי גרויס—שפּירט נישט די שטרויכלונגען; ס׳איז אַנ׳אַבסטראַקטע זאַך, וואָס לאָזט זיך נאָר פיה־לען אין דער בענעמונג; און די בענעמונג איז אויך אַ פערשידענ־אַרטיגע... אַ מאָל, אַ פער׳חלום׳טע, אַ מאָל אַ פערבענקטע, אַ שטי־פערישע, און אַמאָל אויך אַ פערביסענע... אַ הייסע...

ד אָ ק ט אָ ר: אָבער אין גרונד איז עס איינס—די ליבע...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: יאָ... נאָר פערשידענאַרטיג אין דער בענעמונג; לויט׳ן כאַראַקטער פון די מענשען; לויט׳ן גראַד פון זייער אויסלעבען זיך, פון זי״ער אינערליכען דראַנג... אינטואיצי״ע... גראָד אַזוי ווי ביי אַ דיכטער... ווייל די, וואָס ליבען, זענען גלייך צו דיכטער: דער דיכטער שרייבט זיינע געדיכטען לויט אַ געווי־

סען גראַד פון זיין אינטואיטיווען שאַפונג'ס-גייסט, און דער פערליבטער ליבט אויך מיט די זעלבע פאָרמען און נאָך די זעלבע ראַהמען...

**ד אָ ק ט אָ ר:** הום... איהר ברענגט עס גוט אַרויס...

**פ ר יי ל. ש ט יי ע ר:** אָבער די ליבע אַליין ווייסט נישט פון קיין פאָרמען; דאָס איז אַ הוילער אַבסטראַקט... מ'לעבט אין אַ צייט, וואָס איז ריינער פריהלינג, אַ מאָל-געבלעקטע טעג, אָבער אויך-געלייטערטע, ס'האַרץ וואַקסט מיט איטליכען גרעזעל, און די נשמה באָדט זיך אין פיאָלעטע פאַרבען...

**ד אָ ק ט אָ ר:** דאָס איז די בעריהרונג...

**פ ר יי ל. ש ט יי ע ר** (נאָהנט פון איהם): יאָ, די ליפען שליסען זיך... ס'מויל נעמט זיך צוזאַמען, דער שכל צושווימט זיך, מ'געפינט נישט קיין לשון פאַר דער פרייד, קיין איבערלעגונג פאַר'ן געשעהענעם, דער קערפער פלאַמט, הייסע שטראָמען גליהען איהם אַדורך. דאָס איז אויפ'ן תהום פון ליבע, אויפ'ן תהום פון ליבע...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

(ס'קלינגט).

**ד אָ ק ט אָ ר** (ערוואַכט): אַך... ס'פריל. פריעד... איך דערקען איהר קלונג...

**פ ר יי ל. ש ט יי ע ר** (דערשראָקען): ווי?...

**ד אָ ק ט אָ ר** (געשטימט): רעגט אייך נישט... כ'בעט אייך, געהט אַריין אין צווייטען צימער, ר'וועט אַביסעל אונטערוואַרטען, כ'וועל איהר ערלעדיגען...

**פ ר יי ל. ש ט יי ע ר:** פערברענגט נישט לאַנג מיט איהר, כ'בעט אייך... (קושט איהם).

**ד אָ ק ט אָ ר:** גוט... גוט... כ'וועל זיך גלייך אָבפערטיגען!... געהט... איהר קענט אייךביידע טרעפען... נו, גוט... (שטופט איהר כמעט אַרויס מיט זיך אין דער אַנדערער שטוב).

**פ ר יי ל. פ ר י ע ד** (קומט שוין אן פון קאָרידאָר. פרעהליך, אויפגעלעגט): לואיס?... כאַ-כאַ!... דו האָסט לאַנג געלאָזט ווצרטען אויף זיך?...

ד אָ ק ט אָ ר: איך בין געווען אַזוי פֿאַראינטערעסירט אין לייענען, אַז כ'האָב מיך נישט געקענט אָפּרייסען, כאָטש כ'האָב גוט געוואוסט: דו ביזט עס!..

פ ר י ל. פ ר י ע ד: פֿון וואַנען האָסטו געוואוסט?...

ד אָ ק ט אָ ר: איך דערקען דיך שוין אין קלונג וואָס דו גיסט...

פ ר י ל. פ ר י ע ד (נעמט דאָס ביכעל פֿון דער קרוועטקע): וואָס לייענסטו, לואיס?...

ד אָ ק ט אָ ר: אָ, ס'איז נישט קיין בעלעטריסטיק...

פ ר י ל. פ ר י ע ד (בלעטערט): אָ, אַלץ מעדיצין... כירורגיע. אַ, ס'עקעלט מיך פֿאַר די שטיקער פֿלייש... קנאָכענס... בר־ר־ר...

ד אָ ק ט אָ ר (לאַכט): מ'געוועהנט זיך צו...

פ ר י ל. פ ר י ע ד: ווייסט, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהן קיין טויטען. בר־ר־ר... ס'מוז זיין שרעקליך?...

ד אָ ק ט אָ ר (שמייכעלט: און אַ צרשניטענעם?... כ'וואָלט דיך אַריינגעפֿיהרט אין אונזער פּראָזעקטאָריום... אין דער יאַטקע פֿון מענשען־פֿלייש...

פ ר י ל. פ ר י ע ד: אַך... רעד נישט... איך וועל שוין דריי טעג נישט קענען עסען... ס'ווערט מיר נישט גוט!...

ד אָ ק ט אָ ר: כאַ־כאַ... נישט דו, נאָר יונגע סטודענטען, אַז זיי קומען צום ערשטען מאָל אַריין — ווערט זיי אויך נישט גוט... האָב נישט קיין מורא... (נעמט איהר לאַסקאַווע צו דער קריזעטקע).

פ ר י ל. פ ר י ע ד: מיינסט, כ'וואָלט היינט ביי דיר געוועזען?...

ד אָ ק ט אָ ר: איך האָב גראָד יאָ דיך ערוואַרט...

פ ר י ל. פ ר י ע ד: ס'איז אַזויפֿיל דאָ צו טהון אין דער היים, אַז מ'קען נישט קיין בליק אַרויסטהון פֿון שטוב...

ד אָ ק ט אָ ר: כ'פֿערשטעה...

פ ר י ל. פ ר י ע ד: די מוטער איז פֿערנומען... אַליין היינט געווען אויפ'ן מאַרק איינקויפֿען... מיין פֿאָטער אַליין האָט גע־ברענגט ווייַן פֿון געשעפֿט...

ד אָ ק ט אָ ר: ס'וועלען זיין פֿערבעטען אַזוי פֿיל געסט?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: דעם פּאָטערס אַלע בעקאַנטע... און דו וועסט ווען מיטברענגען?...

ד אָ ק ט אָ ר: אַ פּאָר סטודענטען!.. עטליכע קאָלעגען: מע- דיצינער...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (פרעהט זיך): אַ, דאָס איז גוט!... דאָס איז שען!... (קושט איהם האַרציג).

ד אָ ק ט אָ ר: איך וועל דיר שפּעטער בעשטעלען בלומען, מיצי, ס׳אַרע בלומען ליבסטו בעסער?...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: די קליינע, דראָבנע „פערגעס מיך נישט"

ד אָ ק ט אָ ר: גוט... גוט... (האַלט איהר אַרום און קוקט מיט אַנגסט אויף דער טהיר).

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (ראַפּטום): דו האָסט טעלעגראַפירט אַ היים?

ד אָ ק ט אָ ר: יאָ... כ׳האָב גאָר פערגעסען... זעהסט אַ טע- לעגראַמע?... (מאַכט אויף אַ טעלעגראַמע) מיין מוטער קומט!...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (טאַנצט אַרום): דאָס איז שען!... כ׳וועל איהר קושען, האַלזען... (הענגט זיך אָן אויף זיין האַלז).

ד אָ ק ט אָ ר: מיצי, דו וועסט מיך דערשטיקען... (קוקט ענגסטליך אויף דער טהיר, אין דער אַנדערער שטוב).

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: ווילסט עפּיס זעהן, לואיס?

ד אָ ק ט אָ ר: וואָס?

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: ווילסט?...

ד אָ ק ט אָ ר: אַוודאי וויל איך..

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: ג׳גיב מיר אַ קוש...

ד אָ ק ט אָ ר (קושט איהר לייכט): אַ, דו שעלמאַ...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (נעמט אַרויס אַ קאַרטע פון איהר בייטעל): זעהסט?...

ד אָ ק ט אָ ר (בעטראַכט איהר, לייענט שטיל): פריײל. מיצי פריעד ה׳ לואיס גרין — פערלאָבט... (קוקט מיט אַנגסט אַרום זיך).

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (קלאַפּט צוזאַמעןביידע הענד): בראַ—וואָ!.. (הענגט זיך אָן אויף איהם) זײ געפעלען דיר?... זעהסט ס׳אַראַ פּאַ- פּיר?... אַ גאָלדענער שניט!...

ד אָ ק ט אָ ר: נישט שלעכט... (טומעלט) ס׳הייסט: איבערמאָר-

גען שוין אין אָוונט... (נאָך אַ ווײַלע) קלערסטו צו שטעלן אויף דער צײַטונג?...

פ ר ײ ל. פריעד: כ'קלער גאָר נישט, נאָר כ'האָב שוין געלאָזט שטעלן!... איבערמאָרגן אין דער פריהמאָרגן־אויסגאַבע וועסטו געפינען דעם אייגענעם טעקסט אין דער צײַטונג...

ד אָ ק ט אָ ר (קוקט אויפ'ן טהיר): הום...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (מיט אַ מאָל): וואָס ביסטו אַזוי שלעכט געשטימט?... לואיס?...

ד אָ ק ט אָ ר (כאַפּט זיך): ווי פאַלסטו אויס? (סטאַרעט זיך צו זײַן רוהיג).

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: לואיס, ווייסט, איך האָב ס'לעצטע מאָל געלאָזען בײַ דיר אין צימער מײַן טיכעל?... (מאַכט אַ בעוועגונג) האָסט דיך נישט אַרומגעקוקט?...

ד אָ ק ט אָ ר: ווי?... (פערלאָרען) ווילסטו עס אַצינד אויפזוכען?... וואַרט, כ'וועל אַרײַנרופען ס'דינסטמיידעל, זי האָט אויפגערוימט ס'צימער... (קלינגט).

ד י נ ס ט מ ײ ד ע ל (קומט).

ד אָ ק ט אָ ר: ס'פרײַל. פריעד האָט דאָ אַנומעלטען געלאָזט איהר טאַשען־טיכעל. נישט געזעהן?..

ד י נ ס ט מ ײ ד ע ל (נעמט עס אַפער פון אונטער אַ בוך): דאָס איז עס?

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד (נעמט עס אָב): יאָ... יאָ... (דאַפּטום) לואיס ס'פרײַל. שטייער איז דאָ גאָר נישט געוועזען?..

ד אָ ק ט אָ ר: זי איז יאָ געוועזען, אָבער איך האָב איהר קיין איינציגען מאָל נישט אויפגענומען...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: דאָס הייסט פערשייט... כאַ... זי וויל אַלץ נישט אָבטרעטען...

ד אָ ק ט אָ ר: כ'האָב נישט גערעדט מיט איהר...

פ ר ײ ל. פ ר י ע ד: אַז זי וועט קומען, מעגסט רעדען מיט איהר... איך האָב נישט קיין מורא... איך וועל דיר גאָרנישט זאָגען... באָר געדענק, לואיס... (כאַפּט איהם אַרום, און גיט אַ ברום אויפ'ן אויער): כאַ כאַ...

ד אָ ק ט אָ ר (לעגט זיין האַנד אויף איהר מויל): ש־ש... רעד־שטילער, פון אַ זעלכע זאַכען טאָר מען הויך נישט רעדען...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד (בעפרייט זיך): כאַ־כאַ־כאַ!... איך גע־שוין אַוועק!... דו ווייסט גאָרנישט, לואיס, ווי פיל אַרבייט ס'איז פאַרהאַן אין שטוב...

ד אָ ק ט אָ ר (געמיטליך): יאָ... יאָ...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: איך האָב דאָך די וואַגאָנען אויפצו־פרישען... די בילדער אָבצושטויבען... די שטאָרען בערלעגען...

ד אָ ק ט אָ ר: ווען זעה איך דיך?..

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: מאָרגען אין דער צייט. אין דיין אויפנאַהם־שעה...

ד אָ ק ט אָ ר: גוט...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: אפשר וועסטו היינט נאָך צוקומען אין קאַפע?... כ'וועל מיך אָבררייסען אויף אַ קליינע צייט...

ד אָ ק ט אָ ר: ניין, כ'ברויך זיין ביים אמפוטירען אַ פוס אין שפיטאָל...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: גוט... גוט... (געהט אָב אין זיין בע־גלייט. פויזע).

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (קומט אריין, בלייבט שטעהן אונבעוועג־ליך, וואַרטענד).

ד אָ ק ט אָ ר (קומט צוריק, קוקט אויף איהר אַ לענגערע ווילע): איהר האָט אייך צוגעהערט?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (קאַלט): ניין!

ד אָ ק ט אָ ר: זאָל איך גלויבען, איהר זייט געווען אויף אַזוי־פיל אויסגעהאַלטען?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: דאָס איז אייער זאַך!

ד אָ ק ט אָ ר (נאָך אַ ווײַלע) גלויב איך אייך!... (ענדערט) קומט צום טישעל. (זעצען זיך ביידע) זאָל איך אייך זאָגען, וואָס ס'איז געוואָרען גערעדט?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ווען איהר ווילט!...

ד אָ ק ט אָ ר: יאָ... נאָר איהר זאָלט נישט האָבען קיין פערדרוס?

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: איהר האַלט דען, ס'וועט מיר פערשאַ־

פֿעַן פּערדרויס...

דאָקטאָר: זעהר מעגליך.

פֿרייל. שטייער: נ'גוט... גוט...

דאָקטאָר: און ווען זאָגאַר — צום ערגסטען?

פֿרייל. שטייער: כ'ע... וואָס קען דען זיין ערגער, ווי איהר זאָלט מיר זאָגען: איהר שרייבט תנאים!...

דאָקטאָר (שפּרינגט אויף): איהר האָט זיך צוגעהערט!...

פֿרייל. שטייער: ניין!... איך האָב געטראָפֿען!...

דאָקטאָר: ס'אַליגען! איך וועל אייך נישט גלויבען! איהר זאָלט מיר אַפּילו צו שווערען!...

פֿרייל. שטייער: אָבער, ס'איז דאָך נישט קיין חלום; די זאַך איז וואָהר?...

דאָקטאָר: יאָ, ס'איז וואָהר... אָבער, — איהר האָט זיך אונטערגעהערט... ס'איז נישט שען. ווען כ'האָב אייך געהייסען אין דרינען איבערוואַרטען, איהר זאָלט זיך האָבען צוגעהערט צו אינ־זער געשפּרעך?

פֿרייל. שטייער (נעמט איהם איין): כ'שווער אייך, ווי מיין לעבען איז מיר ליב — ווי כ'האָב בלויז געטראָפֿען!... ביי אייך איז עס אַ וואונדער, און ביי מיר — ווייניגער פֿון אַ צופֿאַל; איך האָב זיך גערעכט אויף דעם... אָבער, ס'איז וואָהר: איהר שרייבט תנאים?

דאָקטאָר: יאָ...

פֿרייל. שטייער: ס'אַ פֿאַקט?...

דאָקטאָר: יאָ.

פֿרייל. שטייער: צוגעאיילט... הום... (פּויזע).

דאָקטאָר: איהר ליידט דערפֿון?

פֿרייל. שטייער: און ווי פֿערשטעהט איהר? (פּויזע) איבּ־ריגענס, כ'נעם גאָר נישט אַזוי שטאַרק צום האַרץ... דאָס איז ביי מיר אַ קליינינקייט... תנאים איז נישט קיין חתונה... ווען איך זאָל וויסען, איהר גיהט מאָרגען צו איבערמאָרגען צו דער חופּה — וואָלט איך אפשר פֿיל מעהר געליטען, און גערעכענט, אַז ס'איז אַלץ פֿערלוירען... אָבער תנאים וואָס קענען מיר קאַליע מאכען?

דאָקטאָר: אזוי גלויבט איהר?..

פרייל. שטייער: יאָ...

דאָקטאָר: הום... און איהר זייט גרייט אַזוי זיך מוסר נפש צו־זיין?...

פרייל. שטייער: בעשטימט... (ענגדערט) אַז איך וועל אייך זאָגען: לואיס, איך האָב אייך ליב, שרייבט נישט קיין תנאים מיט איהר,—וועל איך עפּעס פּועל׳ען?...

דאָקטאָר (פערקלעהרט): ווי?...

פרייל. שטייער: ווארים אַ מאַן מיט אַ שטאַרקען ווילען, מיט אַ שטאַרקער ענערגיע קען נישט נאָר פון אַ תנאים—נאָר פון אַ חתונה אויך אַוועקגעהן?...

דאָקטאָר: דאָס ערלויבט מיר נישט מיין עהרענגעפיהל!...

פרייל. שטייער: נו... איהר וועט זיך אויסניכטערען!...

ס׳וועט קומען די איבערלעגונג...

דאָקטאָר (ראַפּטום): און איהר האָט מיך ווירקליך ליב?...

פרייל. שטייער: יאָ...

דאָקטאָר (קלעהרט אַ ווײַלע): גיט מיר אַ קוש!

פרייל. שטייער: וואָס פעלט אייך איין?...

דאָקטאָר: גיט מיר אַ קוש!

פרייל. שטייער: פון מיר פערלאַנגט איהר עס?...

דאָקטאָר: יאָ...

פרייל. שטייער: וואָט מיינט איהר, בין איך אַזעלכע?...

דאָקטאָר: גיט מיר אַ קוש!...

פרייל. שטייער (קוקט איהם לאַנג אין די אויגען, לעגט צו איהרע ליפען צו זיינע, און קושט זיי זעהר לייכט): אָ, ווי זיס אייערע ליפען זענען!...

דאָקטאָר (גיט זיך ראַפּטום אַ וואָרף, נעהמט איהר פיבערהאַפט קושען): כ׳וועל אייך אויפפרעסען!... כ׳וועל אייך צובייסען!...

פרייל. שטייער: אָ, דריקט נישט... לואיס, דריקט נישט!... פערגעסט נישט: איך בין אַ פרעמדע!... איהר זייט אַן אַנדערערס חתן!...

דאָקטאָר (אויפגערעגט): זאָגט דאָס נישט!... דערמאָנט גאָר נישט!... (שלעפט איהר מיט זיך) קומט!... קומט מיט מיר!...

פרייל. שטייער (לאָזט זיך שלעפען): וואָס ווילט איהר?...

ד אָ ק ט אָ ר: אייך אויפּפּרעסען!... נישט איבערלאָזען קיין גאַנץ ביינדעלע!... קומט!... איך וויל זיין נאָהנט פון אייך... נאָהנט מיט אייך... דאָ איז צו ליכטיג!... אונטער פיער אויגען!...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: איך האָב מורא פאַר אייך!...

ד אָ ק ט אָ ר (דריקט איהר מיט'ן גאַנצען כח צו זיך): פערמאַכט די אויגען!... פערגעסט זיך!... (מאַכט פינסטער).

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (גיט זיך ראַפּטום אַ רייס-אויס, און שפּרינגט אַוועק): ס'איז פרעך!

ד אָ ק ט אָ ר (צוטומעלט): ווי?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (ווי פריהער): מאַכט ליכטיג!... איך שפּרינג אַראָב פון אַ פענסטער!...

ד אָ ק ט אָ ר (דערשראָקען): ווער האָט פערלאָשען די ליכט?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: איהר ווייסט נישט?...

ד אָ ק ט אָ ר: איהר בעליידיגט מיך!... (מאַכט ליכטיג) וואָס מיינט איהר, בין איך אַזעלכער, אַז איך האָב מיר געקענט אַ זעלכעס פאָרשטעלען?... (ברוגז).

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (געפאַלען): ענטשולדיגט!... איך בין אַ מיידעל, איהר פערשטעהט?...

ד אָ ק ט אָ ר: איהר זייט געדעכט...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: וואָס וואָלט איהר געזאָגט נאָכדעם, ווי איך זאָל אייך נענטער צו לאָזען צו זיך?... און ווי וואָלט איך אויסגעזעהן אין אייערע אויגען?...

ד אָ ק ט אָ ר: איך האָב עס גאָר נישט אַזוי ווייט געמיינט... איהר טראַכט צופיל איבער...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ס'קען זיין... איהר זייט אפשר געווען אויפגערעגט... איך האָב צו אייך גאָר נישט...

ד אָ ק ט אָ ר (זעצט זיך אַוועק, רייבט זיך דעם שטערן): דער קאָפּ טהוט מיר ווירקליך עפּיס וועה...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ס'איז קיין וואונדער נישט...

ד אָ ק ט אָ ר: איך האָב שרעקליכע קאָפּ-שמערצען...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: בערוהיגט אייך... (פּויזע).

ד אָ ק ט אָ ר (נעמט אַרויס אַ פלאַש ווין פון שיינקעל): איהר

ווערט טרינקען?...

פרייל. שטייער: ניין...

דאָקטאָר: איהר האָט מורא?...

פרייל. שטייער: אפשר...

דאָקטאָר: הום... איך זאָל ניט האָבן אַזעלכע קאָפּ-שמערצען, וואָלט איך אויך נישט געטרונקען...

פרייל. שטייער: ס'קען זיין... (פּויזע).

דאָקטאָר (גיסט-אָן אַ גלעזל): און איהר טרינקט ווירקליך נישט?...

פרייל. שטייער: כ'ווייס... אויב דער וויין זאָל אייך לינדערען די קאָפּ-שמערצען, — וועל איך מיט-טרינקען, נאָר נישט קיין סך...

דאָקטאָר (גיסט-אָן פאַר איהר): צום געזונד!

פרייל. שטייער: צום געזונד!

(טרינקען ביידע, פּויזע).

דאָקטאָר: דער וויין איז נישט שלעכט...

פרייל. שטייער: אַפּיסעל צו שטאַרק...

דאָקטאָר: איהר זייט נישט געוועהנט צו טרינקען...

פרייל. שטייער: שוין אָפּגעוועהנט...

דאָקטאָר: (גיסט-אָן אויפסניי).

פרייל. שטייער: גיסט נישט פאַר מיר, איך טרינק נישט מעהר...

דאָקטאָר: איהר זייט אַ קינד... ס'וואָלט געפּאַסט ביים ווי-פּילטען גלעזעל...

פרייל. שטייער: אַלץ-איינס...

דאָקטאָר (האָט שוין אָנגעגאָסען די גלעזלעך): איהר ווילט מיך פערשעמען?...

פרייל. שטייער: און איהר ווילט מיך פער'שכור'ן?... כאַ-כאַ... (טרינקען).

דאָקטאָר: פער'שכור'ן?... ניין!... ס'איז גוט אַז מ'צוטרייבט אַפּיסעל ס'בלוט אין זיך... וויין איז זעהר אַ גוטע זאַך... עס פער-טרייבט די אָפּגעשוואַכטקייט...

**פּרייל. שטייער** (טרינקט): אַ... דער קאָפּ דרעהט זיך מיר שוין באַלד... (שכור׳לעך) לואיס, איהר האָט מיך נישט ליעב?...

**דאָקטאָר** (קושט איהר אַריבערגעבויגען איבער׳ן טישעל): כ׳וויל אייך ליעב האָבען!... מאַכט איך זאָל אייך ליעבען!...

**פּרייל. שטייער**: גוט... כ׳וועל עס מאַכען... (וואַרפט זיך אַריבער צו איהם) איך וועל אייך צוריקען צו מיין האַרץ... קושען אַזוי שטאַרק, אַז איהר וועט פערלירען ג׳אָטעם...

**דאָקטאָר** (פּעלירט זיך): מאַכט דאָס... פּרייל. שטייער, מאַכט דאָס שטאַרקער... שטאַרקער... אַזוי... ס׳איז אַ וואונדערבאַרע קראַפט אין אייך שטעקט... ס׳איז אַ היץ... איהר פערברענט מיך...

**פּרייל. שטייער**: איהר זייט אַזאַ שיינער... אַזאַ גוטער... איהר ווייסט גאָר נישט, אַז איך וועל צו אייך זיין אַ פיל שטאַרקערע, דייטערע ווייב... (שטעהט אויף, פּאָזירט שכור׳דיג מיט איהר קערפּער) כאַ-כאַ-כאַ... די קליינע... אַזאַ מאַן ווי איהר מוזט האָבען אַ געזונט שטאַרק ווייב...

**דאָקטאָר**: איהר זייט אַ ווילדע... איהר קענט פערברענען... קומט... שרעקט זיך נישט... האַלט אייך אָן מיר... (מאַכט פינסטער) אין דרינען איז קיהל... דאָס פענסטער איז אָפען... דאָס האַרץ לעכצט... (פיהרט איהר).

**פּרייל. שטייער** (האַלט איהם אַרום): אַ, ווי דער קאָפּ דרעהט זיך מיר... האַלט מיך, לואיס... כאַ-אַ-אַ... איהר האָט מיך אָנגע׳שכור׳ט!... וואָס ווילט איהר מאַכען מיט מיר?... לואיס, וואו בין איך?... אויף וואָס פאַר אַ טרעפּען פיהרט איהר מיך?... (אַרויסגעפיהרט, פון אַנדערען צימער, אָפּגעהאַקט) לואיס, איך פאַל... איך פאַל אַראָב... איך וועל אַראָב-פאַ-לען!...

פּאָרהאַנג.

# דריטער אקט.

א צייט שפעטער.

אין קאַבינעט ביים דאָקטאָר.

דינסטמיידעל (שטויבט אַרום ס'מעבעל).

פרייל. פריעד (קומט־אַן פון גאַס, צוטומעלט): נישטאָ לואיס?..

דינסטמיידעל (שטויבט ווייטער).

פרייל. פריעד: נישטאָ לואיס?

דינסטמיידעל: איהר זעהט דאָך!

פרייל. פריעד: שוין לאַנג אַוועק?

דינסטמיידעל: אַ שפּאָרע צייט...

פרייל. פריעד: איהר ווייסט נישט וואוהין?...

דינסטמיידעל: וועט ער מיר זאָגען?...

פרייל. פריעד (פערצווייפעלט): איך ווייס שוין נישט וואו איהם צו זוכען...

דינסטמיידעל (שטויבט).

פרייל. פריעד: ער האָט גאָר נישט געהייסען מיר זאָגען?

דינסטמיידעל: ניין.

פרייל. פריעד: און קיין צעטעל אויך נישט געלאָזען?

דינסטמיידעל: כ'ווייס?

פרייל. פריעד (קוקט זיך אַרום אויפ'ן מעבעל): נישטאָ גאָר... וואָס קען עס זיין?...

דינסטמיידעל (פערוואונדערט): וואָס קען זיין?

פרייל. פריעד (אויפגערעגט): רעדט נישט, איהר פרעגט זיך אַזוי פערנאַרט אַזעלכע זאַכען?...

דינסטמיידעל (נעמט שטויבען ס'מעבעל ווי פריהער).

פרייל. פריעד (נישטערט דאָס מעבעל, צווישען די קאַרטען

אין אַלבום): דאָס איז אַ זאַך... כאַ... (צום דינסטמיידעל) ער האָט עפּיס היינט געגעסען?...

דינסטמיידעל (טרוקען). כ'ווייס נישט...

פּריל. פריעד: און געטרונקען?

דינסטמיידעל: כ'ווייס נישט...

פּריל. פריעד: איך רעד דאָך צו אייך!...

דינסטמיידעל: כ'ווייס נישט...

פּריל. פריעד (מיט טרערען): וואָס זענט איהר אין כעס אויף מיר?... כ'האָב אייך געזאָגט אַזעלכעס, אַז איהר זאָלט אַזוי בייז זיין אויף מיר און נישט ווען גאָר זאָגען?...

דינסטמיידעל (ווייכער): כ'ווייס נישט...

פּריל. פריעד (אויסער זיך): איהר ברויכט זיך נישט מאַכען גאָר, ווען איך רעד צו אייך נישט ווי מ'בּרויך, — איהר זייט אַ מיידעל, און ווען ס'זאָל אייך אַזעלכעס טרעפען — וואָלט איהר זיך אויך נישט געהַלטען ווי מ'ברויך; וואָס טראָגט איהר נאָך אַזאַ כעס אויף מיר?...

דינסטמיידעל: איך בין גאָרנישט אין כעס...

פּריל. פריעד: זאָגט מיר: ער האָט עפּיס היינט אין דער פריה געגעסען?...

דינסטמיידעל: ניין...

פּריל. פריעד: און געטרונקען?

דינסטמיידעל: ניין...

פּריל. פריעד: הום... (פּויזע).

דינסטמיידעל: איבריגענס, וואָס קען איך אייך זאָגען? ער פריהשטיקט אַלע מאָל אין גאַס... אין שטוב עסט ער קיינמאָל נישט...

פּריל. פריעד: ער איז נעכטען שפּעט אַהיים געקומען?

דינסטמיידעל: יאָ.

פּריל. פריעד: אונגעפער?

דינסטמיידעל: אַרום דריי...

פּריל. פריעד: איהר האָט נישט דערקענט עפּיס אין איהם?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: יאָ, ער איז געווען שטאַרק אויפגע־רעגט. האָט נישט געלאָזט רעדן צו זיך, זיך פֿערשלאָסן באַלד אין שלאָף־צימער...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: און איהר זענט געשלאָפֿן נאָכהער גאַנץ רוהיג?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל (קוקט איהר אָן מיט גרויסע אויגען): הייסט?

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: האָט גאָרנישט געפֿיהלט: ס'קען גע־שעהן אַנ'אומגליק?..

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: אַנ'אומגליק?...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: צו!... איהר האָט שוין צורעכט גע־מאַכט דאָס שלאָף צימער?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: נאָך נישט...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: פֿילייכט איז עפּיס דאָרטען פֿאַר מיר פֿאַרהאַן אַ בריוועלע?... (לויפֿט אַריין, קומט באַלד צוריק) זאָגט מיר ב'בעט איך, דאָס פֿרייל. שטייער איז נישט געווען דאָ?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: יאָ...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: לאַנג שוין?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: יענע וואָך...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: און מעהר?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: דאָס איינציגע מאָל האָב איך איהר געזעהן...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: הום... ס'האָט דענסטמאָל עפּיס גע־וואָלט געשעהן?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: וואָס האָט געוואָלט געשעהן?...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: ווי נאַריש איהר זענט... (פּויזע) איך געה אַוועק, טאָמער קומט לואיס, זאָגט איהם, ער זאָל וואַרטען אויף מיר, איך קען יעדען אויגענבליק קומען... (אָב).

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל (שטויבט. פּויזע).

(ס'קומט אַ קלונג).

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (פֿאַלט אַריין מיט אַ בריען): ער איז נישטאָ?...

ד י נ ס ט מ יי ד ע ל: ווער?

פרייל. שטייער: אויף וועמען פרעג איך?...

דינסטמיידעל (אפגעהאקט): גיין...

פרייל. שטייער: שוין לאנג ווי ער איז אוועק?... (שטיל) ר'האט נישט געזאגט גאר?... (שטיל) וואו ר'געהט?... ווען ר'וועט קומען?...

דינסטמיידעל (שווייגט).

פרייל. שטייער (מיט עגמת-נפש): וואס רעדט איהר נישט?...

דינסטמיידעל: וואס זאל איך רעדען?...

פרייל. שטייער: מ'ברויך האבען אנ'אייזערן הארץ צו איהם... איהר האט נישט קיין ברעקעל געפיהל... איהר זעהט: מ'ווערגט זיך מיט א ווארט, און איהר שווייגט?... ער האט אייך נישט געהייסען זאגען גאר?...

דינסטמיידעל (אפגעהאקט): ער האט מיר גאר נישט געזאגט...

פרייל. שטייער: פארוואס שווייגט איהר?... איהר זייט פון נעכטען-אן, כ'ווייס נישט—וואס ס'איז געשעהן מיט אייך?...

דינסטמיידעל: ס'איז גאר נישט געשעהן... איך ווייס נישט וואס צו רעדען... אלע מינוט ס'אייגענע פרעגען...

פרייל. שטייער: ס'האט אייך ווער געפרעגט יבער איהם?...

דינסטמיידעל: איהר קומט נאך נישט אריין, און ס'פרעגל. פריעד געהט אראב מיט דער אייגענער געשיכטע... ניום...

פרייל. שטייער: יא, איך האב איהר געזעהן אונטען... כ'האב גלייך פערשטאנען: זי איז דא געווען?...

דינסטמיידעל: ווען איהר קומט מיט עטליכע מינוט פריהער, טרעפט איהר זיך ביידע צוזאמען...

פרייל. שטייער: וואס טהוט מען?..: וואו זוכט מען איהם אויף?... כ'האב נעכטען גלייך געשפירט: ס'איז נישט מיט אלעמען!.. געווען אין קליניק... געווען... כ'ווייס וואו מ'געהט?...

דינסטמיידעל: וואס איז עס היינט?... וואס האט איהר היינט מיט איהם מעהר פאר אלע מאל?...

פרייל. שטייער: וואס ווייסט איהר?... לואיס וויל זיך אומברענגען!...

**דינסטמיידעל:** וו—אָ—ס...

**פרייל. שטייער:** יאָ... אומבאַגנגען!...

(אַ קלונג).

**דינסטמיידעל:** פרייל. פריעד.

**פרייל. שטייער:** פריעד?

**דינסטמיידעל:** כ'דערקען איהר קלונג...

(ס'קלינגט).

**פרייל. שטייער** (קלעהרט): הום...

**דינסטמיידעל:** אויפמאַכען?...

**פרייל. שטייער** (קלעהרט): ווי?...

**דינסטמיידעל:** איהר וועט אפשר אַריינגעהן אין דער אַנדער שטוב?...

**פרייל. שטייער** קלעהרט): אין דער אַנדער שטוב?...

(ס'קלינגט).

**דינסטמיידעל:** איהר מוזט אייך בעקלעהרען...

**פרייל. שטייער:** ניין... געהט, מאַכט-אויף, איך וועל מיך נישט אָבשרעקען פאַר איהר...

**דינסטמיידעל** (געהט אַרויס אויפמאַכען. פויזע).

**פרייל. פריעד** (איהר קול פון דרויסען): נישט געוועך נאָך לואיס?...

**פרייל. שטייער** (שטעהט אַזוי ווי איינגעשרומפען, אָהן אַ נ'אָטעם)

**פרייל. פריעד** (לויפט אַריין, עפּנט אַזוי ווי אַ דורכצולויפען אין דער אַנדער שטוב, וואו זי בלייבט באַלד שטעהן מיט אַן אָפען מויל און געפינט גישט קיין וואָרט אַרויסצורעדען).

**פרייל. שטייער:** וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן?...

**פרייל. פריעד:** אַרויס!...

**פרייל. שטייער:** וואָס רעדט איהר?

**פרייל. פריעד** (ווי פריהער): אַרויס!...

**פרייל. שטייער:** ווע מען מיינט איהר?...

**פרייל. פריעד** (ווי פריהער): אַרויס!...

**פרייל. שטייער:** ווער בעט אייך דאָ אַהערקומען?...

**פרייל. פריעד:** איהר זייט אַ פרעכע!...

פרייל. שטייער: אַזעלכע זייט איהר!...

פרייל. פריעד: איהר זייט אַ געמיינע!...

פרייל. שטייער (געהט צו צו איהר גלייך אין געזיכט אַריין): ר'זאָלט דאָס נישט זאָגען!...

פרייל. פריעד (דערשראָקען, לאָזט אַרויס אַ געוויין): איהר ווילט מיך שלאָגען?...

פרייל. שטייער (ווי פריהער): איהר זאָ'ט דאָס נישט מעהר זאָגען!...

פרייל. פריעד (היסטעריש): שלאָגט מיך!... שלאָגט מיך!... (שלאָגט זיך אין קאָפּ אַריין).

פרייל. שטייער (קוקט זיך קאַלטבלוטיג צו).

דינסטמיידל (נעמט איהר איין): איך וועל דאָך ברויכען אויפמאַכען ס'פענסטער און מוזען רופען ווערמען!...

פרייל. פריעד: איך וועל נישט לעבען!...

דינסטמיידעל: דאַרפט איהר זיך שלאָגען?...

פרייל. שטייער: איהר מוזט זיך רעכנען מיט ווערטער איהר הערט?... איך בין נישט קיין מיידעל, וועלכע דאַרטען וועט זיך לאָזען שפייען אין פנים?... און פאַר יעדע בעליידיגונג קען איך אויפהויבען אַ פויסט און געבען אין פנים אַריין...

פרייל. פריעד: וואָס קריכט איהר דאָ אַהער?...

פרייל. שטייער: איהר וואָס קריכט?...

פרייל. פריעד: לואיס איז מיין חתן!...

פרייל. שטייער (לאַכט ביטערליך): כאַ-כאַ כאַ...

פרייל. פריעד: וואָס לאַכט איהר?...

פרייל. שטייער: דאָס איז פאַר מיר גאָרניש... גאָרנישט...

פרייל. פריעד: אַזאַ אומגליק... טויזענט מיידלעך שרייבען תנאים, האָבען חתונה, און קיינעם טרעפט עס נישט וואָס מיך האָט געטראָפען...

פרייל. שטייער: טויזענט מענשען געהען אַדורך אויף איין און דעם זעלבען וועג, און ס'שאַדט זיי קיינעם נישט, און דער איינער נאָך די טויזענט געהט פאַרביי און צוברעכט אַ פוס...

פרייל. פריעד: יאָ... איך בין אַן אומגליקליכע... כ'ווייס.

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: פאַרוואָס פרעגט איהר נישט, צי נאָך איידער, איך בין געגאַנגען תנאים שרייבען—האָב איך שוין פער-ברענגט מיט איהם?... און אַז גראָד דאָ האָט איהר זיך אַריינגעריסען און מיר קאַליע געמאַכט?...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: בעשטימט... לואיס האָט קיינמאָל נישט געטראַכט ערנסט וועגען אייך... איבעריגענס, איהר האָט דען פערבראַכט מיט איהם בלויז?... דוכט זיך: ווען איך זאָל געווען תנאים שרייבען מיט אַן אַנדערען — וואָלט איהר דאָרטען אויך אַרויסגעשוואומען מיט דעם אייגענעם?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: האָט איהר אַ טעות!... פרובט געהט אַוועק, וועט איהר זעהן אויב ס'וועט אונז נאָך אַ מאָל אויסקומען יאָהרען נאָכאַנאַנד צוזאַמען צורעדען?...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: אַוודאי, אַ שטן זייט איהר מיר...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: צורייסט די תנאים...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: איהר האָט צו איהם גאָרנישט, בלויז וואָס ר'האָט אַמאָל אויס דאַנקבאַרקייט אייך צוליעב איהם צו בע-גלייטען אַהיים; און פאַר לאַנגווייליגקייט — אייך געגעבען אַ האַלבע שעה אויפ'ן שפּאַציר... צי אין צימער צו פערברענגען... און איהר ווילט שוין נישט אַוועקגעהן...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ס'אַ ליגען! וואו זענט איהר געווען פאַר אַ יאָהרען, ווען ער האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין פאָר-שטעלונג אין גרויסען טעאַטער אָהן מיר?... זיך געטיילט מיט אַלע איינדריקען מיט מיר?... פערקעהרט, ס'איז פאָראיבער אַ טאָג און איך האָב זיך נישט געוויזען — איז ער אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: ס'איז אייך צו גלויבען...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: וועל איך אייך בעווייזען מיט אַ גאַנצע רייה בריוולעך פון יענער צייט, וואָס זענען פערבליבען ביי מיר... (זוכט אין בייטעל).

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: איבעריגענס, ס'איז גאַנץ מעגליך אַז ער האָט עפּיס געשפּירט צו אייך... כ'וועל עס נישט לייקענען... אָבער ס'איז שוין פון דעם קיין שפּור נישט געבליבען..

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: אַוודאי... ווייל איהר האָט אָפּגעווישט

די שפורען...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: אָבער אַצינד איז אויס מיט אַלעס...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ס׳פּאַל׳ט מיר גאָרנישט איין!.. איך וועל לואיס׳ען אַזוי צודריקען, אַז ער וועט זיך מוזען אָבזאָגען פון אייך...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: דאָס גראָד איז אייך צו גלויבען, ווייל איהר קענט עס; ער וועט זיך אומברענגען דורך אייך...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: נו, אַז איהר פערשטעהט עס, און וועט אַזוי לאנג ווארטען ביז דאָס וועט געשעהן, — וועט איהר אַליין נאָר זיין שולדיג...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד (בעדויערט): אָרימער לואיס...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: איך האָב זעהר פיל געשטעלט אין קאָן, פריילל. פריעד, און אַז איך וועל אַצונד ברויכען פערשפּילען, איז מיין לעבען נישט ווערט אַ גראָשען; נו... שטעל איך אויף דער וואָגשאָל: מיין לעבען און זיין לעבען!...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: נ... גוט... ווי איז... איך געה אַוועק אין גוטען... איך בעשט...ה... איך פיהל אייך מיט... איהר קריגט די האַנד פון מיר: ס׳איז צווישען אונז ביידע אויס... און ער האָט דאָך נישט חתונה מיט אייך!...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: אָ, מיט קיין אַנדערער וועט ער זיך נישט צָבגעבען... דאָס בין איך זיכער!...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: זיכער?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: יאָ!... לואיס׳ען האָב איך צופיל אָבגעגעבען, אַז ער זאָל נאָך האָבען אַ האַרץ צו געהן צו אַנדערע; איך ווייס נאָך נישט, ווען זאָגאַר, ס׳איז אַזוי ווי אַצינד, איהר זאָלט אייך נישט אָבזאָגען פון איהם מיט גוטען, — אויב ער וועט געהן מיט אייך אונטער דער חופה, נאָכדעם ווי ער האָט מיט מיר אַזוי נאָהנט פערברענגט, אונטער פיער אויגען?...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד: וואָרום, ס׳איז דער ערשטער פאַל ביי אייך מיט לואיס׳ען, און ביז איהם האָט איהר נאָך מיט קיינעם נישט אַזוי אינטים פערברענג ?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגען, און ווארפט

זיך גלייך אויף איהר): שווייגט!... איהר זאָלט דאָס נישט זאָגען!... איך וועל אייך דער׳הרג׳ענען!... צוטרעטען מיט די פיס!... צוקניי-טשען צווישען די פינגער!...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד (קורטשעט זיך איינגאַנצען איין): געהט אַוועק פון מיר...

(ס׳קלינגט).

ד אָ ק ט אָ ר (קומט אַריין): וואָס איז מיט אייך?...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד (פאַלט אַרויף אויף איהם): זי וויל מיך שלאָגען!...

ד אָ ק ט אָ ר (האַלט איהר נעבען זיך): רוהיג... רוהיג, מיצי... מ׳וועט דיך נישט שלאָגען!... פריילל. שטייער, איהר ווילט איהר שלאָגען?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (נאָך נישט אָבגעקיהלט): יאָ... שלאָגען!... ווען איהר זאָלט קומען אַ מינוט שפּעטער, בלייבט זי ביי מיר אַ טויטע אונטער דער האַנד!...

ד אָ ק ט אָ ר: פאַרוואָס אַזוי?

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ווייל איך האָב גערעדט צו איהר מענ-שליך, און זי האָט מיר געענטפערט געמיין, גראָב... מיך בעליידיגט... טיעף בעליידי ט...

ד אָ ק ט אָ ר: ניין... מיצי, בעליידיגען ברויכסטו נישט...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: אַז זי איז מיר געקראָכען אין וועג אַריין, האָב איך איהר גאָר נישט געטהון; אָבער אַז זי קען זיך אויסדריי-קען, דאָס איך האָב געלעבט מיט אַנדערע, פאַר דעם קומט גלייך צו געבען אין די ציין אַריין...

ד אָ ק ט אָ ר: ס׳קען זיין, זי האָט אומגעערן זיך אַרויסגעכאַפּט!

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: איהר ווילט איהר פערענטפערן!... כאַ-כאַ-כאַ!.. ה׳לואיס, זי ברויך אייך נישט פאַר קיין פערטיידיגער, זי קען זיך אַליין בעהעלפען!...

ד אָ ק ט אָ ר: פריילל. שטייער, איהר זייט אויפגערעגט!...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: נאָך אויף די קורסען זייענדיג, ווייס איך, אַז מ׳האָט פאַר אַזאַ בעליידיגונג בעצאָהלט מיט פּעטש...

פ ר יי ל. פ ר י ע ד (העשעט אויף זיין ברוסט): לואַס!... הייט

איהר אַ־רויס־געהן!...

דאָקטאָר: פרייל. שטייער, כ׳וועל אייך בעטען אַ געפעלליג־קייט, געהט אויף אַנ׳אויגענבליק אַריין אין צווייטען צימער.

פרייל. שטייער (זעצט זיך אַוועק): איך געה נישט...

פרייל. פריעד (ספּאַזמירט אויף זיין ברוסט): הייס איהר אַרויס־געהן!...

דאָקטאָר: פרייל. שטייער, ס׳איז דאָך נאָר אויף אַ קליינע ווײַלע אין אַנדערען צימער...

פרייל. שטייער (טרוקען): איהר קענט עס איהר זאָגען...

פרייל. פריעד (ווי פריהער): הייס אי־ה־ר אַ רוי־ס־געהן!

דאָקטאָר: נו? מיצי, זיי דו קלוג און געה אַריין אין צווייטען צימער...

פרייל. פריעד (העשעט): איך וועל דיך נישט אָבלאָזען!

פרייל. שטייער (טרוקען): און איך וועל נישט אַוועקגעהן!

דאָקטאָר: איינע פון אייך ביידע דאַרף דאָך אייגזעהן, אַז ס׳איז אונמעגליך אַזוי; אַז רעדען קען איך נישט מיט אייך ביידע צו זאַמען... וואָס ווילט איהר פון מיר?...

פרייל. שטייער (שווייגט).

פרייל. פריעד (העשעט):

דאָקטאָר: נו?...

פרייל. שטייער: וואו זייט איהר געווען אַ גאַנצען פריה־מאָרגען?...

דאָקטאָר: כ׳וועל אייך נישט ענטפערען...

פרייל. שטייער: איהר האָט זיך נעכטען געוואָלט סמ׳ען?

דאָקטאָר: קיין האַלב וואָרט נישט...

פרייל. שטייער: אַזוי... (פּויזע).

פרייל. פריעד (וויינענדיג): לואיס, מיר האָסטו דאָס געוואָלט טהון?...

דאָקטאָר: כ׳ווייס פון גאָר צו זאָגען...

פרייל. פריעד (פלישנעט): אומברענגען...

דאָקטאָר: כ׳הער גאָר נישט וואָס איהר רעדט

פרייל. פריעד (העשעט פּויזע).

דאָקטאָר: מײנע ליבע פֿרײלינס, איהר פֿרעגט יעצט זײן אַזוי אײנגעשפּאַרט!... אויב איהר װײסט, װאָס ס'איז געפֿלעגן מיט מיר געװען און װילט ס'זאָל בײ מיר מעהר נישט פֿאָרקומען — זאָלט איהר זײן צו מיר װײכער!...

(בײדע שװײגען).

דאָקטאָר: אַזוי װילט איהר, הײסט עס, איך זאָל מיך יאָ אומברענגען.

פֿרײל. שטײער (אויפֿגעלעגט): פֿאַרװאָס גראָד װילט איהר פֿון מיר, אַז איך זאָל אַרויסגעהן, און נישט פֿון איהר?

דאָקטאָר: װײל איהר זײט מעדער עפּעס הײנט, פֿערשטענדיגער... און װײסט, אַז מ'קען אַצינד מיט בײדען אויף אַ מאָל נישט רעדען...

פֿרײל. שטײער: דאָס איז נישט אַזוי װיכטיג...

דאָקטאָר: און... איהר קענט בעסער די פֿערהעלטענישען!

פֿרײל. שטײער (שװײגט).

דאָקטאָר: נו?... (פּויזע).

פֿרײל. פֿריעד (װײנענדיג): װאַרט, לואיס... איך געה אַרײן איך װעל דיך דאָ איבערלאָזען מיט איהר... מיט דער שלאַנג.

דאָקטאָר (פֿיהרט איהר אָב, װאו בײ איטליכען טריט פֿאַלט אויף איהר אָן אַ שטאַרקער געװײן): נו?... דו װײסט זיך אַזוי צו־װײנען? מיצי, דו מוזט דאָך זײן מעהר אײנגעהאַלטען! (אָב).

פֿרײל. שטײער (זיצט אַ װײלע).

דאָקטאָר (קומט צוריק, ערנסט שװײגענדיג — געהט איבער'ן צימער, בעגעגענט זיך מיט'ן בליק פֿון דער פֿרײל. שטײער, קוקען זיך אָן אָהן לשון).

(פּויזע).

דאָקטאָר: נו?...

פֿרײל. שטײער: נו?...

דאָקטאָר: איהר װילט דאָך עפּיס בײ מיר פֿרעגען, דוכט זיך?...

פֿרײל. שטײער: איך בין נישט אײער אויספֿאָרשונגסריכטער, כ'זאָל אײך נעמען אויף'ן פֿערהער...

ד אָ ק ט אָ ר: הו־ם... איהר ווילט אַז כ׳זאָל מיך צושיידען מיט דער פרייל. פריעד?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: יאָ...

ד אָ ק ט אָ ר: דורכאויס?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: אונבעדינגט...

ד אָ ק ט אָ ר: ס׳הייסט: איהר נויט מיך!...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ווי איהר פערשטעהט!..

ד אָ ק ט אָ ר: ר׳ווייזט מיר אייערע ציין?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר (ס׳קאָכט שוין אין איהר): ניין... איך ווייז אייך נישט די ציין... כ׳נויט אייך גישט... איהר האָט אַ גרויסען טעות!... איהר קענט טהון ווי איהר פערשטעהט!...

ד אָ ק ט אָ ר: און פאַרוואָס פערפאָלגט איהר מיך?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: איך פערפאָלג אייך?...

ד אָ ק ט אָ ר: קריכט מיר נאָך ווי אַ פינסטערער שאָטען... לאָזט מיך נישט קיין רגע אַליין... און וואַקסט מיר אויס ווי אַ געשפענסט פאַר די אויגען?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ווייל איהר ליידט פון געוויסענביסען... עס וועקט זיך אין אייך דאָס געפיהל פון פערברעכען,—ווען איהר פערברעכענגט מיט אַנ׳אַנדערער; ס׳דוכט זיך אייך: איך טהו דאָס, אָבער דאָס קומט פון זיך אַליין!...

ד אָ ק ט אָ ר: וועניג קריכט איהר מיר נאָך אויף איטליכען טריט?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: וואָס ווילט איהר? זאָל איך מיך גאָר איינגאַנצען נישט ווייזען פאַר אייך?... נאָכדעם ווי איך האָב דאָ פערלוירען צווישען די פיער ווענד דאָס הייליגסטע פון מיין נשמה,— זאָל איך איינגאַנצען אויפהערען קומען צו אייך?...

ד אָ ק ט אָ ר: איך האָב עס אַזוי ג.וואָלט פון אייך?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: אייער בענעמונג איז כמעט אַזעלכע...

ד אָ ק ט אָ ר: פערשטעהט איהר זעהר שלעכט, פרייל. שטייער... אייער בענעמונג איז איינגאַנצען אַנ׳אַנדערע...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ס׳קען זיין... כ׳וועל אייך אַבסאָלוט נישט פרובען איבערשפאַרען... איך בין אַנ׳אַנדערע, פון גרונד

אויס — אנ׳אנדערע; א פרוי וואס שפּיעלט אזוי אויס ביי א מאן א חתן, א געליעבטען — אלץ־איינס, ווערט שפּעטער אנ׳אנדערע; וואס ווייסט איהר נישט?...

דאקטאר: יא... כ׳ווייס...

פרייל. שטייער: ביי אזא פרוי קאנצענטרירען זיך אלע געדאנקען ארום דעם איינעם געדאנק: דאס דער דאזיגער מאן זאל געהערען אויף אייביג צו איהר! און וואס איז דער וואונדער אויב ביי מיר איז ס׳אייגענע געשעהן, און איהר זייט דער חתן פון אנ׳אנדערע?...

דאקטאר: נו... יא... איהר זייט גערעכט... (פּויזע) גוט... פרעג איך אזוי: ווי איז, אז יענע פערשווינדט אויך אצינד פון האריזאנט?...

פרייל. שטייער (דערפרעהט): אבער דאס בלייבט ריכטיג אזוי?...

דאקטאר: קען איך אייך פארלויפיג נישט זאגען... נאר נעהמט־אן, אז דער איז אזוי?...

פרייל. שטייער: דאס בערוהיגט מיך דאן זעהר פיל... מעהר: איהר אליין בערוהיגט זיך... אייער געוויסען איז בערוהיגט... אויב איהר קענט עס בעווייזען, איז עס א גרויסער זיג פון אייער כאראקטער, פון אייער פערזענליכקייט... פאר מיר איז דער געווינס, וואס ס׳בלייבט מיר שוין קיינער מעהר נישט איבער אין וועג, און האב נישט מעהר ווי צו ווירקען אויף אייך, אז איהר זאלט מיט מיר חתונה האבען!...

דאקטאר: און אז איך האב יענער ליב?...

פרייל. שטייער: ארויסרייסען — די ליבשאפט...

דאקטאר: הום... (פערטראכט) כ׳ווייס נישט ווי אזוי ס׳איז געווען... איהר זייט געקומען... איך האב געהאט שרעקליכע קאפּשמערצען... דער ווײַן האט מיך פער׳שכור׳ט... איך האב זיך פארגעסען... אנ׳אומגליק...

פרייל. שטייער: יא... איך האב עס כמעט זיך אליין גענומען דאס אומגליק... ווייל — כ׳האב עס זיך געוואלט נעמען... כ׳האב געהאט דערביי א גאנץ גוט דורכגעטראכטען אויפ

טהו; איהר זייט געווען בערוישט... איך בין אויך געווען שכור׳לעך,— אָבער אין אַ קליין קעמער׳ל פון מח האָט נעטליעט אַ פונק פון בעוואוסטזיין, פון פערשטאַנד...

ד אָ ק ט אָ ר: און צו וואָס האָט איהר עס געטוהן?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: ווייל כ׳האָב זיך געהאַלטען אינ׳ם אַל- טען מיטעל: צו גיפט איז ס׳בעסטע געגען-גיפט... אבער אייער אומגליק איז פאַר מיר פאָרגעזעהן אַ גליק...

ד אָ ק ט אָ ר: גליק?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: יאָ! אַ גליק!... דורכדעם וועט איהר זיך מוזען אָבזאָגען פון יענער...

ד אָ ק ט אָ ר: קענט איהר פערלאַנגען, אַז כ׳זאָל אייער גליק בעצאָהלען מיט מיין אומגליק?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: אַזוי פערשטעהט איהר דאָס?...

ד אָ ק ט אָ ר: אודאי... איך האָב יענער ליב... נישט אַזוי ליב ווי כ׳וויס, כ׳וועל נישט קענען לעבען מיט אייך—הייסט עס: מיט מיין אומגליק?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: לעבט איהר אין טעות!... איהר פער- שטעהט נישט, אַז אייביג קען נישט זיין אַזוי! אַצינד איז ביי אייך אַן איבערגאַנג; און דער איבערגאַנג האָט זיינע וועהען; זיי פער- שאַפען שרעקליכע שמערצען, אָבער ווי באַלד דער קריזיס איז פאַראיבער, דער הימעל לויטערט זיך אויס, ס׳לעבען ווערט ביי אייך צוריק נאָרמאַל—זייט איהר שוין אַן אַנדער מענש!...

ד אָ ק ט אָ ר: אַזוי גלויבט איהר?...

פ ר יי ל. ש ט יי ע ר: יאָ... דער קאָפּ לייטערט זיך אויס... די געדאַנקען ווערען קלאָר... און ס׳הויבען זיך אָן וועבען פרי- שע איינדריקען, פרישע איבערלעבונגען... עפּיס פערבלייבט אין זכרון נאָך אַ פאַלדעלע, וועלבעס פערגעהט צו-ביסלעכווייז, גראָד ווי אַן אויסגעגראָבען שטיק ערד, וואָס פערגעהט פון זיך זעלבסט מיט גראָז... פערהילט זיך... (פויזע) ס׳איז די זון... די זון בריהט עס אַדורך... בעפרוכפערט עס... און גראָזען וואַקסען-אָן... פרישע גראָזען... ס׳קען דאָך אייביג נישט בלייבען וויסט...

ד אָ ק ט אָ ר: או-הום...

פרייל. שטייער: דאָס איז די קראַפט פון לעבען!...

פרייל. פריעד (לויפט אַריין, פאַלט אַרויף אויף זיין ברוסט) ווי פליידך דו ביסט!... לואיס, כ׳קען שוין נישט זיין אין דרינען!...

פרייל. שטייער (שטעהט-אויף): אַצינד געה איך אַוועק... כאַ-כאַ-כאַ... ס׳מאַכט עפּיס אויף מיר דעם איינדרוק, גראָד ווי די פּערטייגער מיט׳ן בעשולדיגער פּאָלגעווען זיך ביים געריכט.. איינער גיט צייט דעם אַנדערען אויף ערקלערונגען צו מאַכען...

(געהט ראַש אָב אין אַנדער צימער, וואו זי האַלט זיך אין טהיר, הערט: זיך מעהר-ווענינ איין צום געשפּרעך).

פרייל. פריעד (העשעט): אַזוי לאַנג האָסטו געהאַט צו רעדען מיט איהר... אַזוי לאַנג...

דאָקטאָר (שווייגט).

פרייל. פריעד: פאַרוואָס הייסטו איהר נישט געהן?...

דאָקטאָר: ביזט אַ קינד... (קושט איהר לייכט אין קעפּעל) כ׳וועל איהר הייסען געהן!...

פרייל. פריעד: זי האָט אויף דיר אָנגעוואָרפען אַ שרעק!...

דאָקטאָר (סטאַרעט זיך האַלטען שטאַרקער): ניין...

פרייל. פריעד: וואָס דען ביסטו אַזוי בלאַס?... אַזוי צו-געלעגט?...

דאָקטאָר: נו... נאַטירליך... האָב איך קיין פערגעניגען פון איהר נישט געהאַט...

פרייל. פריעד: כ׳ווייס... אָבער וואָס קלעהרסטו צו טהון?... לואיס... שענער לואיס?...

דאָקטאָר: כ׳ווייס?...

פרייל. פריעד: קום, מ׳וועט ביידע אַוועקפאָהרען!... האָסט דאָך געבראַכט קריגען אורלויב אין קליניק אויף צוויי חדשים?..

דאָקטאָר: און דו גלויבסט, אַז זי וועט אַהין נישט טרעפען?...

פרייל. פריעד: נו, האָסטו מורא פאַר איהר?...

דאָקטאָר: כ׳ווייס?...

פרייל. פריעד: אַ... כ׳זעה שוין: זי האָט דיך איבער-געשראָקען!...

דאָקטאָר: כ׳בין דאָך נישט קיין קינד!...

פרייל. פריעד: זי האָט דיך אָבגעסמ׳ט... לואיס, ביסט דאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי צו מיר!...

דאָקטאָר: ווי?...

פרייל. פריעד: נעם מיך אַרום... לואיס—לאַך... לאַך!... קוש מיך!... האָסט אַזוי פיל זאַפט געזויגען פון מיינע ליפּען!... פון מיינע באַקען!... צופלעכט מיינע האָר... לואיס...

דאָקטאָר (זיצט פערשטיינערט).

פרייל. פריעד: כ׳זעה שוין מיין אומגליק!... (צוויינט זיך)

דאָקטאָר (ערוואַכט): וואָס ווייסטו?... (קושט איהר לייכט אין קעפּעל).

פרייל. פריעד: כ׳זעה, דו ביסט אַן׳אַנדערע געוואָרען צו מיר!... גאָר נישט דער אייגענער לואיס...

דאָקטאָר: יאָ... כ׳בין אַן׳אַנדערער... דאָס איז וואָהר... אָבער דו ברויכסט דאָך נישט וויינען!...

פרייל. פריעד: איך האָב דיך אָנגעוואוירען!... אָנגעוואוירען...

דאָקטאָר: דו האָסט זיך נישט איבערגעלעגט... מיצי, אַז, זי פערפאָלגט מיך, נאָך איידער דו ביסט מיין כלה געוואָרען?...

פרייל. פריעד: ניין... איך האָב געמיינט: אַז כ׳וועל תנאים שרייבען, וועסטו זיך איינגאַנצען אָבקעהרען פון איהר...

דאָקטאָר: ס׳וואָלט אפשר אַזוי טאַקי אויך געווען; אָבער דו ביסט זיך אַליין שולדיג אין דעם...

פרייל. פריעד: כ׳ווייס... כ׳בין מיר אַליין שולדיג... כ׳האָב מיר אַליין געטהון!...

דאָקטאָר: האָסט מיך צוגערעדט: כ׳זאָל מיך נענטער אָבגעבען מיט איהר, זיך אינטים פערהאַלטען, און זי האָט אויסגענוצט אויף אַ געוועהר פאַר דיינעטוועגען...

פרייל. פריעד: און איך האָב געמיינט: דו וועסט זיך אַזויערנאָך איבערצייגען אין איהר לייכטזיניגקייט, און ערשט וויסען ווי מיך צו ליעבען!...

דאָקטאָר: דאָס איז נישט געווען קיין לייכטזין...

**פרייל. פריעד:** יאָ... כ'האָב איהר נאָך אַליין צוגעהאָלפען...

**דאָקטאָר:** ס'איז געווען אַ געדאַנק, וואָס האָט געהאַט די געגענווירקונג...

**פרייל. פריעד:** כ'האָב מיך שלעכט בערעכענט; וואָס כ'האָב דיך געברויכט אָבוועגדען — האָב איך דיך אַליין צוגערעדט.

**דאָקטאָר:** פערפאַלען...

**פרייל. פריעד:** געהסטו אַוועק פון מיר?...

**דאָקטאָר:** יאָ...

**פרייל. פריעד** (שלאָגט זיך אין קאָפּ אַריין): כ'האָב געוואוסט, אַז זי וועט דיך אָבּרעדען... ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט: ס'וועט מיר אַנ'אומגליק געשעהן...

**דאָקטאָר:** פערפאַלען!...

**פרייל. פריעד:** לואיס, דו מיינסט, אַז דו וועסט זיך עפּיס פערלייכטערען, אַז דו וועסט חתוגה האָבען מיט איהר? אַך! דו ווייסט גאָר נישט ס'אַראַ שווערע זי איז!... אַ כמורנע!... לואיס־ס'איז מיר דיר אַ רחמנות! דו וועסט דיך אייביג פיהלען אַזוי ווי אין אַנ'אייז־קעלער...

**דאָקטאָר** (שווייגט).

**פרייל. פריעד:** ס'איז אַ פרוי אָהן אַ ברעקעל וואַרימקייט, קיין ברעקעל ליכט... אַ שוואַרצע קראָה...

**דאָקטאָר** (קושט איהר אין קעפּעל): כ'געה צו איהר אויך נישט אַריבער!...

**פרייל. פריעד** (פערוואונדערט): ווי?...

**דאָקטאָר** (בעטאָנט שאַרף): כ'געה צו איהר אויך נישט אַריבער...

**פרייל. פריעד:** דו האָסט נישט חתונה מיט איהר?...

**דאָקטאָר:** ניין...

**פרייל. שטייער** (וואָס האָט זיך איינגעהערט, געהט אַריין פּעסט): איהר וועס יאָ חתונה האָבען מיט מיר!...

**דאָקטאָר:** ניין!... איהר זייט מיר ביידע פרעמד! מיין גליק מוז איך אַצינד געהן זוכען ביי אַנדערע... ס'איז געווען אַנ־

אינטריגע פֿון אייך, און איהר וועט ביידע ליידען!... (מאַכט אַ בעַ־
וועגונג אַזוי ווי אַוועקצוגעהן).

**פֿרייל. פֿריעד** (בעפֿאַלט איהם מיט טרערען): לואיס!... לואיס!...

**פֿרייל. שטייער**: לואיס!...

## פֿאַרהאַנג.

פֿערלאַג „א. גיטלין“

## ל. נ. טאָלסטאָי

# כאַדזשי־מוראַט

יודיש: מ. לאַנדוי.

כאַדזשי־מוראַט, דער העלד פֿון טאָלסטאָי'ס ווערק, וואָס טראָגט דעם איבערגעם נאָמען, איז נישט קיין אויסגעטראַכטע געשטאַלט, נאָר אַ לעבעדיגער מענש מיט הייסען בלוט, וואָס האָט נאָך גאָר נישט לאַנג געהאַלטען אין שרעק די גרויסע רוסישע אַרמעען אויף קאַווקאַז. דער אונשטערבליכער טאָלסטאָי, וואָס האָט אין דער יוגענד געדיענט אויף קאַווקאַז, אַלס אָפֿיציער, האָט אַליין בייגעלעבט מאַנכע געשעהענישען, וואָס זענען געווען פֿערבונדען מיט כאַדזשי־מוראַטס נאָמען.

אין דעמדאָזיגען ווערק דעקט טאָלסטאָי און'ברחמנות'דיג אויף די גאַנצע פֿאַלשקייט פֿון די רוסישע רעגירונגסלייט, וואָס האָבען געשפּיעלט אַ צוויי־פּנים'דיגע ראָליע, בשעת כאַדזשי־מוראַט איז איבערגעגאַנגען צו די רוסען און זיי אויפֿריכטיג געוואָלט מיטהעלפֿען אין זייער קאַמף מיט די קאַווקאַזער האַרטנעקיגע פֿעלקערלעך. און גלייכצייטיג שילדערט טאָלסטאָי כאַדזשי־מוראַטס גבורות און מוט, זיין כאַראַקטער און אַרט לעבען, און יעדעס זייטעל פֿון דעמדאָזיגען ווערק לאָזט־איבער נאָך זיך אַ טיעפֿען רושם.

עלעגאַנט אַרויסגעגעבען